NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13363

TSVISHN LEBN UN TOYT

Josef Ravin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

MICROFORM

צווישן לעבן און טויט



B//3834

ווייסרוסלענדישער מעלוכע־פארלאג
מינסק — 1928

צווישן לעבן און טויט

זאַמלונג פֿון ווונדערלעכע דערציילונגען

פֿון ווײַסרוסיש איבערגעזעצט — י. ראַווין

ערשטער ביכל

ווײַסרוסלענדישער מעלוכע־פֿאַרלאַג
מינסק — 1928

מינסק, 1 דרוקעריי פֿון ווייס־
רוסלענדישן מעלוכע־פֿארלאג.
באשטעל 576. טיראזש 3000.
גלאווליטבעל 1795.

(דערציילונג פון אַ לעבעדיק באַגראָבענעם).

„באַם אָפּרייניקן די פאָרטן פין דער אָסאָוועצקער פעסטינג, האָט מען אין אַ פאַרשאָטענעם קאַזעמאַט געפונען אַ סאָלדאַט פון דער רוסישער אַרמיי, אַ געבאָרענער באַם טייך דאָן. דערדאָזיקער סאָלדאַט האָט אָנטיילגענומען אין דער רוסיש-דייטשישער מילכאָמע און פאַרבראַכט אונטער דער ערד גאַנצע ניין יאָר. צוליבן אויפרייס פון אַ גרויסער באָמבע האָט זיך אָפּגעריסן אַ ריזיקער שיכט ערד און פאַרשאָטן דעם סאָלדאַט לעבעדיקערהייט אין די אונטערערדישע היילן פון פאָרט. אַ גאַנץ יאָר האָט ער זיך דערנערט מיט ברויט, דערנאָך אָבער איז עס צוליב פייכטקייט קאַליע געוואָרן. די איבעריקע צייט האָט ער זיך דערנערט מיט מילך-און פלייש-קאָנסערוון, וועלכע ער האָט דאָרט געפונען אין זייער אַ גרויסער צאָל. דאָרט איז אויך געווען אַ גאַנצער לאַגער פון ליכט, וועלכע האָבן אים געקלעקט אַף פיר יאָר, און שפּעטער האָט דער אומגליקלעכער גאַנצע פינף יאָר געמוזט לעבן אין שטאָק-פינצטערניש. אַז מע האָט אים אָפּגעגראָבן, האָט ער אויסגעזען ווי אַ גרויז-גראָער מאַן און, ווי אַ מאַלפע, איינגאַנצן באַוואַקסן מיט האָר. די ערשטע שטראַלן פון דער טאָג-ליכטיקייט האָבן אים פאַרבלענדט די אויגן, נאָר שפּעטער האָט זיך די ריע ווידער פאַרבעסערט. די אָרטיקע מאַכט האָט דעם געפונענעם סאָלדאַט אַוועקגעשיקט קיין וואַרשע, פון דאָרט וועט מען אים, אַוודאי, אַהיים שיקן—צום טייך דאָן".

(פון צייטונגען).

I. די צעשטערונג פון פאָרט.

די אָסאָוועצער פעסטונג איז געשטאַנען אין פייער פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. אַף צענדליקער ווערסטן אַרום די פאָרטן האָט זיך צושפּרייט דער פייערדיקער רונג פון די האַרמאַטן-שאָסן, און צוליב די שרעקלעכע אויפרייסן פון ביידע זייטן האָט די ערד געציטערט. אַזוי ווי אויסערגעוויינטלעכע זונען פלעגן זיך באַנאַכט אָנצינדן די שיין-וואַרפער (פּראָזשעקטאָרס) מיט פאַסן טויט-בלאַסע ליכטיקייט. מיט די ווייסע הענט האָבן זיי „געטאַפּט" דעם הימל, די ערד און באַלויכטן די היגלען פון די פאָרטן, וואו אין דער אונטערערד האָבן זיך געפונען די באַטאַרייעס און צענדליקער טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן זיך גערופן סאָלדאַטן. צוויי יאָר שוין ווי זיי קעמפן העלדיש

צוליב דער הערשאַפֿט פֿון קאַפּיטאַל, וועלכער דריקט און שטיקט זיי אַליין, דאָרט טאַקע אונטער דער ערד האָט מען פֿאַר זיי אָנגעגרייט גרויסע רעזערוון עסנוואַרג, קעדיי זיי זאָלן קענען, מאָרדנדיק איינער דעם צווייטן, באַשיצן זייערע אייגענע הערשער-קאַפּיטאַליסטן. ביידע אַרמייען האָבן געהאַט וואָס צו עסן און וואָס צו טרינקען. די איימעדיקע ראַקעטעס פֿלעגן זיך צו די שטערן רייסן און, צושיטנדיק זיך מיט בלוטיקע פֿונקען, אָנווייזן אַף די פֿאָרטן, וועלכע די שיין-וואַרפֿערס האָבן אַנטפּלעקט. און אַהין, וווּ זיי האָבן אָנגעוויזן, פֿלעגט האָגלען מיט טויזנטער פּוד שטאָל, צושטערנדיק די אייזנבעטאָנענע אונטערערדישע היילן. און די ערד האָט געציטערט, מאַמעש ווי בײַ אַן ערד-ציטערניש.

אין איין אַרטילערישן אונטערערדישן קאַזעמאַט פֿון דער פֿעסטונג איז געגאַנגען אַ פֿיבערהאַפֿטע אַרבעט. ניט קוקנדיק אַף דער געפֿאַר, וועלכע איז, אַזוי ווי אַ שוואַרצע כמאַרע, געהאַנגען איבערן קאַזעמאַט, האָבן די מענטשן, באַקעמפֿנדיק די מידקייט פֿון דער שטענדיקער אָנגעשטרענגקייט און שלאָפֿלאָזיקייט, אַסאַך שאָען שוין קעסיידער געאַרבעט, אַזוי ווי טיילעכלעך פֿון אַ גרויסן כראָנאָמעטער. די עלעקטרישע לעמפּעלעך האָבן באַלויכטן די טונקעלע קאַמערן פֿון די ריזיקע האַרמאַטן, וועלכע האָבן אַרויסגעשטרעקט זייערע העלדזער אַף דער פֿריי דורכן גרויסן שפּאַלט אינם איינגעבויגטן געוועלב פֿון קאַזעמאַט.

די אַרטילעריסטן האָבן, קלאַפּנדיק מיט די אונטערגעשמידטע קנאָפּלען איבער צעמענטענעם דיל, אָנגעפֿירט מיטן מעכאַנישן דערלאַנגען די באָמבעס, צושיקט יעדיס און יעדע ווײַלע געלאָפֿן אַראָפּ די שטיינערנע טרעפּלעך, פֿונוואַנען זיי פֿלעגן אַף קליינע פּלאַטפֿאָרמעס דערלאַנגען צוואַנציקפּודיקע באָמבעס.

בײַ דער קאָמאַנדע—„פֿייער!‟ פֿלעגט אַ פֿינקל טאָן, בלענדנדיק די אויגן, אַ רויטער בליץ פֿון אַ שאָס. און ווידער אַ מענטשן-געלאָף. און, פֿליענדיק צום באַנאַכטיקן טונקעלן הימל, האָט געהודושעט און געדונערט די באָמבע.

ווען די סאָלדאַטן פֿלעגן אַרויסגיין פֿון קאַזעמאַט נאָך באָמבעס און עפּענען די שטאָלענע טירן, האָט מען געקענט זען די קאָרידאָרן, וועלכע האָבן זיך געצויגן טיף אין דער ערד.

דאָרט איז עס געווען אַ גאַנץ קליינע שטאָט, מיטן נאָמען פֿאָרט. עטלעכע קלאַפֿטער אונטער דער ערד האָט מען אויסגעבויט נעראַמע קאַזעמאַטן, טאָג און נאַכט האָבן דאָ געלויכטן די עלעקטרישע לעמפּעלעך און בײַ זייער שיין האָבן געלעבט און געזונט די אַרטילעריסטן און סאַפּיאָרן. נאָך אַן עטאַזש נידעריקער האָבן זיך געפֿונען די שפּיטאָלן, קיכן און בעקערייען. גאַנצע פּאָלקן פֿוסגייער האָבן כאַדאָשים-לאַנג געלעבט אין דער פֿעסטונג אָן אַ שטאָך אַרבעט, גענודיעט זיך, אויסוואַרטנדיק דעם סוינעס אַטאַקע. דער דערוואַרטעטער טאָג פֿון דער אַטאַקע איז נאָך אָבער ניט געקומען, און אַלע האָבן געטראַכט נאָר פֿון דעם, ווי אַזוי די צײַט צו פֿאַרטרײַבן.

די לעצטע טעג האָט זיך די קאַנאָנאַדע פֿאַרשטאַרקט, און אַלעמען האָט אָנגעכאַפּט אַן אומרויִקע שטימונג. ניט ווילנדיק פֿלעגן די מענטשן אופֿצי-

טערן און אומקוקן זיך אַף די ווענט און געוועלב יעדעס מאָל, ווען אינדרויסן אַף דער ערד פּלעגט אַ באָמבע פּלאַצן.

ערשט האָט מען געהערט אַ דונערן, גלייך ווי אַ גאַנצער באַרג וואָלט צושמעטערט געוואָרן, און די אייזנבעטאָנענע מויערן האָבן געטרייסלט זיך פֿון די קלעפּ, דערנאָך האָט אין אַלע אונטערערדישע היילן אָפּגעהילכט אַ מפֿכסיקער ווידערקאָל, און אין אַלע קאָרידאָרן האָט ווי אין רערן געהודשעט.

ד ע ר ט א פּ ט! ד ע ר ק ל י ב ן ז י ך!

עטלעכע קעסיידערדיקע אופֿרייסן, איינער נאָכן אַנדערן. מיט אַ טרעקלעכן ליאַרעם איז איינגעפֿאַלן דער שטיינערנער קעלער. אין די קאָרידאָרן איז פֿינצטער געוואָרן. די עלעקטרע האָט זיך אויסגעיאָשן. עס קריכט דער שטיקנדיקער רויך פֿון דער געפּלאַצטער באָמבע, און לענגאויס דעם פֿינצטערן קאָרידאָר האָט זיך מיט אַ פּייפֿעריי דורכגעטראָגן אַ האַלבפּוריקער שפּליטער פֿון דער פּאַנצער־באָמבע.

די נומערן*) פֿון אַ צווייטן האַרמאַט האָבן געעפֿנט די טירן פֿון קאַזעמאַט. באַם שיין, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן פֿון הינטער זיי, האָט מען געקענט זען, ווי איבער די קאָרידאָרן טראָגן זיך פֿון דעם אויפֿרייס שוואַרצע קנוילן רויך. איידער די סאָלדאַטן האָבן נאָר עטלעכע טריט געמאַכט, פֿונויבן איבערן גרויסן דורכבּרוך, האָט ווידער אַ הודזשע געטאָן דעם סוינעס אַ באָמבע, דאַן נאָך און נאָך. די בריזאַנט־גראַנאַטעס**) האָבן אונטן ערגעץ געדונערט, צושטערנדיק אַפֿן וועג די אונטערערדישע קאָרידאָרן און געראַסטע קעלערן, צופּיצלענדיק די אייזנבעטאָנענע מויערן.

די האַרצרייסנדיקע געשרייען פֿון די סאָלדאַטן, צוריסענע דורך די באָמבעס און צודריקטע דורך די שטיין־מאַסיוון, האָבן זיך אויסגעמישט מיט די גוואַלדיקע דונערן באַם איינפֿאַלן פֿון די אייזן־בעטאָנענע מויערן. דער צווייטער נומער באַם האַרמאַט, דער אַרטילעריסט איוואַנאָוו, האָט, פֿאַלנדיק ערגעץ אין אַ כהאָס, פֿאַרלאָרן דעם באַוווּסטזיין...

II. לעבעדיק באַגראָבן.

דעם אַרטילעריסט איוואַנאָוו האָט קיינער ניט געזוכט. ווייל עס איז דאָך אַ כּלל, אַז פֿון מענטשן, נעבן וועלכן עס האָט אַ באָמבע געפּלאַצט, וועט שוין קיין פּיצל פֿלייש ניט בלייבן.

איוואַן האָט ניט געוווּסט, ווי לאַנג ער איז אַ פֿאַרכאַלעשטער און ווו ער געפֿינט זיך איצט. ווי דורך אַ נעפּל האָט ער דערמאָנט זיך אָן דעם רויטגעלן פֿלאַם פֿון אופֿרייס מיט זיינע שוואַרצע פּאַסן, דעם כּיפֿן אַרונטערפֿאַלן, און איצט באַ דער קייווער־שטילקייט האָט געשווינדלט אין קאָפּ, די אויערן

*) אין אַרטילעריע רופֿט מען די סאָלדאַטן, וועלכע באַדינען די האַרמאַטן, — „נומערן“.

**) אַזאַ מין באָמבעס, וואָס האָבן אַ גרויסע צעשטערנדיקע קראַפֿט.

דער אַרטילעריסט איוואַנאָוו האָט, פאַלנדיק ערגעץ אין אַ גראָב, פאַרלאָרן דעם
באַוואוסטזיין...

האָבן שטאַרק געשמאַרצט, און אַ שרעק איז אים באַפֿאַלן. אַרום אים איז אַזאַ כווישעך געווען, אַז זײַנע אײגענע הענט אַפֿילע האָט ער אויך ניט געזען און דערפֿאַר האָט ער, קומענדיק צו זיך, אַלײן ניט געוווּסט — צי איז עס אַ כאַלעם, אָדער ער ליגט אין היך. ער האָט אַלץ געהאָפֿט, אַז אָט, אָט וועט אַ שטראַל טאָן די טאָג-ליכט, ער וועט איפּוואַכן און מענטשן-שטימען דערהערן...

פֿון פֿאַרשמאַכטקייט האָט אין ברוסט געברענט, דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, און ער איז ווידער אין כאַלאָשעס געפֿאַלן.

אָט דאַכט זיך זעט ער וואַסער... ערשט אַביסל, אָף איין טרונק נאָר, און באלד שוין א גאַנצן טייכל. גלייך דערנאָך האָט ער זיך דערזען אַלס קליין ייִנגעלע אינדערהיים בײַם ברעג דאָן... פֿאַרוואָס אָבער קען ער עס ניט אין וואַסער אַרײַנשפּרינגען?.. ער האָט געקרעכצט. געריסן זיך פֿאָרויס און דער טייך ווערט אַלץ דירכזיכטיקער, באַלד פֿאַרשווינדט ער אינגאַנצן און ווידער שטאַרק פֿינצטער...

ענדלעך איז דער פֿאַרווונדעטער צו זיך געקומען. באַטאַפּט דעם קאָפּ, הענט, אויגן. די אויגן זײַנען גאַנץ געווען. אָבן קאָפּ און אָף די הענט פֿאַרטריקנט בלוט. איוואַנאָוו האָט מוֹרע געהאַט אַ ריר צו טאָן זיך, ווייל ער האָט ניט געוווּסט, ווו ער געפֿינט זיך, טאָמער ליגט ער אָף אן אויסגערוקטן שטיין, פֿון וועלכן ער קען נאָך אָף עטלעכע שטאָק טיפֿער זינקען!!

אָבער די טויטע שטילקייט פֿון דער פֿינצטערניש אין די ווײַטן און גאַנצן קערפּער זײַנען געוואָרן אימדערטרעגלעך. מינוטן האָבן זיך יאָרנלאַנג געצויגן, און איוואַנאָוו האָט באַשלאָסן באַהערשן דעם שרעקלעכן קאָשמאַר און אויב אַלץ איז טאַקע די ווירקלעכקייט אַלײן, איז שוין גלייכער דער טויט בײַם פֿאַלן, אײדער אַזאַ מאַטערן זיך. פֿאַרמאַכנדיק פֿאַר שרעק די אויגן, וועלכע האָבן סײַ ווי גאָרניט געזען, האָט ער זיך געלאָזט פריזען פֿאָרויס. דאַן געשטעלט זיך אָן, וואַקלענדיק זיך צוליבן שווינדלען אין קאָפּ, געמאַכט עטלעכע טריט...

ער איז געטראָטן אָף אַ גלייכן און שטיינערנעם דיל און פֿאַר פֿרייד האָט אים אויש דער אָטעם פֿאַרכאַפּט. דאָ האָט אים אַ נײַער געדאַנק איבערראַשט: ער איז בלינד געוואָרן. ציטערנדיק, ווי אין פֿיבער, האָט ער אַ זוך געטאָן אין די קעשענעס, אַרויסגענומען שוועבעלעך און אָנגעהויבן קעסיידער צו צינדן. פֿאַר די אויגן, פֿאַרמאַטערטע פֿון פֿינצטערניש, האָט דאָס קליינע, געלע פֿלעמל געלויכטן ווי די זון.

— איך זע! איך זע! האָט איוואַנאָוו מיט סימכע אויסגעשריען, אײַנקוקנדיק זיך אין דער אַרומיקער שטאָק-פֿינצטערניש. פֿונווײַטן האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פֿון טריפֿנדיקן וואַסער, און א שרעקלעכער דורשט האָט מיט אַ נײַער קראַפֿט אָנגעכאַפּט דעם פֿאַרווונדעטן. פֿאַר די אויגן האָבן רעדער געשווינדלט. אַן אָפּגעשוואַכטער האָט ער זיך ווידער צוגעזעצט אָפֿן דיל און גענומען קריכן פֿאָרויס, אַהין, פֿונוואַנען עס האָט זיך דערטראָגן דער גערויש פֿון וואַסער. דער דורשט האָט אים אַלץ ווייטער געיאָגט און, באַהערשנדיק די שוואַכקייט, האָט ער זיך אַלץ טיפֿער אין דער פֿינצטערניש גערוקט, אָנטאַפּנדיק מיט די הענט דעם וועג, ער זאָל, כאָלילע, אין א גרוב ניט אַרײַנ-

פֿאַלן. עס האָט אַ צי געטאָן מיט אַ פֿייכטער קילקייט, האָט ער ווידער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע.

וואַסער! וואַסער!—האָט אַרויסגעקרעכצט דער פֿאַרוווּנדעטער און, נאָך עטלעכע טריט, איז ער דורשטיק צוגעפֿאַלן צום וואַסער, ער האָט געטרונקען, פֿאַרזשמורענדיק פֿאַר כיעס די אויגן, דערנאָך עטלעכע מאָל איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווידער געטרונקען. עס האָט זיך אים פֿאַרגלוסט די קליינע אָווערע אָנקוקן: האָט ער אַ שוועבעלע אָנגעצונדן. אין וואַסער האָט ער זיין אָפּשפּיגלונג דערזען און, אַז ער האָט זיך נעענטער צוגעבויגן, האָבן אַף אים אַ קוק געטאָן אַ פּאָר אויסגעמוטשעטע, האַלב-משוגענע אויגן. אַרייַנקוקנדיק אין וואַסער, האָט ער אָנגעהויבן אָפּצוואַשן פֿון קאָפּ דאָס פֿאַרטריקנטע בלוט. עס איז אים לייכטער געוואָרן און, כאָטש דער גאַנצער קערפּער האָט שרעקלעך געווייטיקט, האָט ער דאָך געקענט שוין פּאַמעלעך ווייטער גיין. קיין הונגער האָט ער ניט געפֿילט און געטראַכט האָט ער נאָר פֿון איין זאַך—ווי אַזוי קאַראַבקעט מען זיך ארויס פֿון דער שרעקלעכער אונטערערדישער הייל. דער איין געדאַנק, אַז אים וועט מען האַלטן פֿאַר אַ פֿאַרלאָרענעם, און ער וועט דאָ אומזיסט-אומנישט פֿאַרפֿאַלן ווערן, האָט אים געוואָרפֿן אין היץ און אין קעלט. האָט ער זיך אַ הויב געטאָן און געלאָזט זיך לויפֿן אין דער פֿינצטערניש. גלייך אָבער האָט ער זיך אָן עפּעס פֿאַרשטעפּעט און איז אומגעפֿאַלן. די שוועבעלעך האָבן זיך שוין באַלד אויסגעלאָזט. ער אָבער איז אַלץ ווייטער געלאָפֿן, יעדע ווײַלע פֿאַרשטעפּענדיק זיך אָן עפּעס פֿעסלעך און קאַסטנס, אַריבערקריכנדיק איבער קופּעס געפּעק. איוואַנאָוו האָט זיך געוואָרפֿן אַף אַלע זייכן, האָפֿנדיק, אַז אָט-אָט וועט דאָך פֿונויבן ווו אַ שיין טאָן די טאָג-ליכט, און ער וועט זיך אַרויסראַטעווען פֿון דעמדאָזיקן מוירעדיקן קייווער. אומזיסט אָבער—אַרום און אַרום האָט געהערשט די אייביקע נאַכט און, אַז דער פֿאַרצווייפֿלטער איוואַנאָוו האָט אַ געשריי געטאָן, האָט אונטער די הויכע שטיינערנע מויערן אָפּגעקלונגען דער פֿאַרצווייפֿלונג-קרעכץ פֿון אַ לעבעדיק-באַגראָבענעם מענטשן.

ער איז שטיין געבליבן און צוגעזעצט זיך אַף עפּעס אַ פּעקל. פֿון אָנגעשטרענגטקייט און שרייען איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דער שטערן האָט זיך מיט שווייס באַגאָסן. מעכאַניש האָט ער מיט די הענט באַטאַפּט דעם ווייכן פּעקל, אַף וועלכן ער איז געזעסן. דאָס איז פּאַקלע געוועזן. דער בלאַסער פֿייערל פֿון אָנגעצונדענעם שוועבעלע האָט באַלויכטן עפּעס קאַסטנס. אַביסל ווייטער איז געשטאַנען אַן אָפֿענע אייזערנע פֿאַס, זי איז פֿול געוועזן מיט האַרמאַטן-אייל. אַ נייע האָפֿענונג אַף אַ גיכער באַפֿרייונג האָט אים געצווּנגען צו באַהערשן זיין שוואַכקייט. אָפּגעריסן פֿון אַ קאַסטן אַ ברעט, האָט ער זי ארומגעוויקלט מיט פּאַקלע, איינגעטונקט אין שי-טערן אייל און אָנגעצונדן. פֿאָכנדיק מיטן פֿלאַקערדיקן פֿאַקעל, ניט טראַכטנדיק פֿון דעם, אַז ער קען נאָך דערמיט אַ סרייפֿע אָנמאַכן, האָט איוואַנאָוו ווידער געלאָזט זיך לויפֿן פֿאָרויס, זוכנדיק אַן ארויסגאַנג. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן אומבאַקאַנטע ווינקעלעך, און דער אומגליקלעכער

האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט, איבערן לאַנגן, פֿינצטערן קעלער האָבן זיך געצויגן הויכע פּיראַמידעס פֿון קאַסטנס, פּעקלעך און געפּעק. ער אָבער איז אַלץ ווײַטער געלאָפֿן, אויסמײַדנדיק דידאָזיקע בערג און אַרומקוקנדיק זיך אינדערהויך און אַף די ווענט. ער איז אַרופֿגעשפּרונגען אַף אַ קאַסטן, געקראָכן אַלץ העכער, פֿון איין קאַסטן אַפֿן צווייטן, ביז גאָר אינדערהויך, ביזן גרויען גלאַטן אײַזנבעטאָנענעם סופֿיט.

דער אונטערערדישער געפֿאַנגענער האָט דאַן צוריק אַראָפּגעלאָזט זיך אַן, ווי אַ געיאָגטע כאַיע, גענומען לויפֿן לענגויס דער וואַנט. אַוועקראַמענדיק פֿון וועג די פּעקלעך און אָפּרוקנדיק די קאַסטנס, האָט ער אַלץ געזוכט אַן אויסוועג: אַ לופֿטלאָך אָדער טרעפּ. אין איין אָרט האָט ער געפֿונען אַן עפֿענונג פֿון אַ לופֿטלאָך, וועלכע האָט געפֿירט ערגעץ אָן אַ זײַט, אָבער אין איר האָט געקענט אַרײַן ניט מער, ווי אַ האַנט.

אָן קיינעם שוין, אָן אויסגעהונגערטער איז איוואַנאָוו פֿינדעסטוועגן ווײַטער געלאָפֿן, און פּלוצים איז ער שטיין געבליבן: פֿון סופֿיט האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט אומגעהויערע שטיקער אײַזן-בעטאָן, וועלכע עס האָט אָנגעוואָרפֿן דער שרעקלעכער אויפֿרײַס. און בײַ דער וואַנט נעבן דיל האָט ער באַמערקט עטלעכע פֿאַרשאָטענע אונטער-טרעפּלעך. דאָ ערשט האָט איוואַנאָוו פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז אַרונטערגעפֿאַלן אין דער טיפֿסטער הייל פֿון פֿאָרט אונטערן שפּיטאָל.

דערנעבן האָט ער באַם שײַן פֿון פֿאַקעל באַמערקט אַ גאַנצן באַרג מיט קאָנסערוון-קעסטלעך. וועגן זיי האָט ער לאַנג שוין געהערט. געוווּסט האָט ער, אַז טיף אונטער דער ערד האָט מען באַהאַלטן פּראָדוקטן אַף עטלעכע יאָר פֿאַר די פֿאַרטיידיקער פֿון פֿאָרט.

דער געפֿאַנגענער האָט אַ בליק געטאָן אַף זײַנע הענט, אַרומגעקוקט זיך אַף אַלע זײַטן. ערגעץ איז אָבער ניט צו זען ניט קיין גראָבהאַק, ניט קיין ברעכאײַזן. און איצט ערשט איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער איז אַ לעבעדיק-באַגראָבענער דאָ אין די טיפֿענישן פֿון דער ערד אונטער די אײַזנבעטאָנענע כורוועס. אַ פֿאַרצווייפֿלטער האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אַף די שפּיציקע שפּליטערן אײַזן-בעטאָן, שטופּנדיק די הענט צווישן זייערע שאַרפֿע קאַנטן, ווי אַ ווילדע כאַיע, וועלכע מע האָט אין שטײַג אַרײַנגעוואָרפֿן. ער האָט געשריגן, געוואָרפֿן זיך אָן די צעמענטענע שטיינער און דאַן ערשט צו זיך געקומען, ווען זײַנע הענט זײַנען אינגאַנצן פֿאַרבלוטיקטע געווען.

III. ס׳לעבן פֿון אַ קראָט.

לאַנג האָט דער אויסגעהונגערטער מענטש באַם שײַן פֿון פֿאַקעל געקלאַפּט מיט דער בלעכענער קאָנסערוון-שאַכטל אָן שטיינערנעם דיל. זי האָט זיך אײַנגעבויגן, אָבער ניט געעפֿנט זיך. דאַן האָט ער אָפּגעריסן אַ ברעט פֿון אַ קאַסטן און מיט אַ טשוועק דורכגעהאַקט אין בלעך אַ לעכל. מיט די צומאַזיקטע הענט האָט ער די קאַנטן פֿון לעכל פֿאַנאַנדערגענומען און צוגעכאַפּט זיך צום פֿלייש. נאָכן עסן איז ער ווידער אַוועק וואַסער זוכן.

...דאָ ערשט האָט איוואַנאַי פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַרונטערגעפאַלן אין דער טיפסטער הייל פון פּאַרס...

אַ היפּשע צייט איז אַוועק, איידער איוואַנאָוו האָט אויפֿגעוועקט דעם מיט וואַסער פֿאַרגאָסענעם קעלער. געשטילט דעם דורשט, האָט דער אומגליקלעכער צוגעטוליעט זיך צו אַ קאַסטן און גלייך איינגעשלאָפֿן. נאָכן אויפֿוואַכן איז אים אַ לאַנגע צייט ניט קלאָר געווען, צי שלאָפֿט ער, צי ניט — אַזאַ פֿינצטערניש און שטילקייט האָבן געהערשט אַרום און אַרום; ער האָט קיין כיישעק ניט געהאַט אויפֿצושטיין. דער קאָפּ האָט געשמאַרצט פֿון דער קאָנטוזיע, די פֿאַרצווייפֿלונג האָט די לעצטע קויכעס צוגענומען. בייסן שלאָף האָט דער פּאַקעל זיך פֿאַרלאָשן, און אַפּסניי אָנצינדן האָט זיך ניט געגלוסט. דער אָרומיקער פֿלאַם פֿון פּאַקעל, מיט וועלכן ער האָט פֿריער געהאָפֿט צו געפֿינען אַן אויסוועג פֿון דער אונטערערדישער הייל, האָט אים איצט אויסגעוויזן פֿאַר נוצלאָז. ער האָט אַרויסגערופֿן אַ סינע צו זיך, דערמאָנענדיק אים וועגן דעם, אַז ער וועט שוין, מסתּמא, קיינמאָל ניט זען מער דעם טאָג-שיין.

אין זיין איצטיקן לעבן האָט ער ניט געוווּסט ניט פֿון טאָג, ניט פֿון נאַכט און באַשטימען די צייט איז אים אומעגלעך געווען. ער האָט ניט געדענקט וויפֿל מאָל ער איז געגאַנגען נאָך וואַסער אין קאָנטעריין. ער האָט ניט געוווּסט, אַז דער צושטאַנד פֿון באַוווּסטזיין האָט זיך געביטן מיטן צושטאַנד פֿון פֿאַרכאַלעשטקייט. און איצט ערשט האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער געפֿינט זיך דאָ שוין עטלעכע וואָכן: שטאַרק איז אָפּגעוואַקסן די אומגעגאָלטע באָרד. די הויזן און העמדל זיינען צוליבן שלאָף אויף די קאַסטנס אין אייניקע ערטער צוריסן געוואָרן, און דורך די לעכלעך האָט די קעלט אַריינגעבלאָזן.

אַלץ אָפֿטער פֿלעגט ער זיך דערמאָנען אָן זיין פֿאַרגאַנגענהייט: דעם פֿלאַכן ברעג פֿון דאָן, די דאַרף, די הייזלעך, געדעקטע מיט געלע שטרוי, די שניי-ווייסע געגנדן, וועלכע ער האָט קליינערהייט געפּיטערט. אַפֿן בלויען הימל שיינט און ברענט די זון, און אַלץ פֿאַרפֿלייצט זי מיט אירע ליכטיקע וואַרעמע שטראַלן: אין די געלע שטרוי אויף די דעכער, אין דאָס וואַסער אין טייכל, אין די הויכע גרינע גראָז. פֿון וועלכע די געגנדן אַזוי האַנאָע געהאַט. ווי לעבעדיק האָבן זיך אים פֿאַרגעשטעלט די היימישע בילדער. קוים האָט ער אָבער די אויגן געעפֿנט, ווי די פֿינצטערניש און בעסייעס-שטילקייט האָבן אים אומגעקערט צו דער שרעקלעכער ווירקלעכקייט.

פֿאַר עטלעכע טעג האָט ער זיך אויסגעשלאָפֿן. און איצט האָט ער געלאָזט זיך איבער דער הייל זוכן אַ גראָבהאַק אָדער ברעכאייזן.

אין איין אָרט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קאַסטן, פֿון וועלכער עס האָט געשמעקט מיט וואָבלע. ער האָט זי צעבראָכן און אָנגעגעסן זיך מיט די געזאַלצענע פֿיש. צווישן די קאַסטנס האָט ער אויף דער ערד געפֿינען עטלעכע קופּעס מיסט. פֿון וועלכע עס האָט געשטאָגן אַן אומדערטרעגלעכער פּאַצוקעס-איפּעס.

מיט זייערע שאַרפֿע ציינער האָבן די פּאַצוקעס עטלעכע קאַסטנס אין ברעקלעך צופּיצלט. דערהערנדיק זייער קראַצן, פּישטשען און געלאָף אין אַלע זייטן, האָט דער געפֿאַנגענער דערפֿרייט זיך מיט זיי אַזוי ווי מיט כאַווייריס.

זיי זײַנען געווען די אײנציקע לעבעדיקע באַשעפֿענישן, וועלכע האָבן, אַחוץ אים, געלעבט אין דער דאָזיקער הייל.

מיט אינטערעס האָט דער געפֿאַנגענער צוגעקוקט זיך, ווי אַ דיקער, בייכיקער פּאַצוק איז זיך פֿאַוואָלינקע אַראָפּגעשפּרונגען פֿון קאַסטן און געלאָזט זיך גיין זײַן וועג. אין דער פֿינצטערניש האָבן די קליינע אויגלעך בײַ די פּאַצוקעס געפֿינקלט ווי רויטע פֿײַערלעך, און דער שטענדיקער געדאַנק וועגן באַפֿרײַונג האָט אים אַ שטויס געטאָן צו טראַכטן וועגן דעם וועג, מיט וועלכן די פּאַצוקעס האָבן זיך פֿאַרקליבן אַזוי טיף אונטער דער ערד. נאָר קודם-כּל דאַרף מען זיך באַזאָרגן מיט באַלײַכטונג.

ענדלעך האָט דער מענטש, וועלכער האָט, ווי אַ קראָט, געלעבט אין דער פֿינצטערניש, דערקענט דעם אָרט מיט די פֿעסלעך און זיך דערמאָנט, אַז בײַשכיינעס מיט זיי ליגן אַסאַך טשוהונענע קעסטלעך. באַלד האָט ער זיי אויפֿגעזוכט, גענומען אַ פּוּפֿציק שטיק — זיי זײַנען געווען געבונדן מיט אַ שטריקל פֿאַר די הענטלעך, — צוגעשלעפּט זיי צו דער פֿאַס מיטן האַרמאַטן-אייל און, אָנשעפּנדיק די ערשטע פֿיר מיט אייל, האָט ער אַרײַנגעלייגט אין זיי פּאַקלע-קנײַטלעך און אָנגעצונדן. פֿיר פֿײַערן האָבן אַ לײַכט געטאָן אין דער פֿינצטערניש. איזוואַנאָוו האָט דאַן אין נאָך אַסאַך קעסטלעך אייל אָנגעגאָסן און, אָנצינדנדיק די אַליין געמאַכטע קנײַטלעך, האָט ער זיי צוגעשטעלט, ווי לײַכט-טורעמס, אויף אַלע ווענט און ווינקעלעך. ער האָט געקעמפֿט מיט דער פֿינצטערניש, אָנשיקנדיק אויף איר זײַנע רויטע רויך-פֿײַערן, און דער קאַמף האָט אים פֿאַרכאַפּט.

דער געפֿאַנגענער האָט געגעסן קאָנסערוון, געטרונקען וואַסער, געשלאָפֿן און, אויפֿוואַכנדיק, ווידער גענומען זיך אַקשאָנעסדיק צו דער אַרבעט און אַזוי, קענטיק, איז אַוועק שוין אַסאַך טעג, ווײַל דער שלאָף, עסן און אַפּרו האָבן זיך איבערגעכאַזערט אַ היפּשע צאָל מאָל. דערפֿאַר אָבער האָט זיך צווישן די כוישעכדיקע בערג מיט קאַסטנס צושפּרייט דער רויטער אָפּשײַן פֿון פֿײַער, און אומעטום, וווּ פֿריער איז שטאָק-פֿינצטער געווען, האָבן איצט פֿריילעך געפֿינקלט די פֿײַערלעך פֿון די לײַכט-טורעמס.

אַז די גאַנצע שורע פֿײַערן האָט באַלויכטן דעם ברעג פֿון וואַסער, האָט דער געפֿאַנגענער באַמערקט איבערן וואַסער באַלד אונטער דער סטעליע (סופֿיט) אַ פּירעקיקע לאָך, דורך וועלכער מע וואָלט פֿרײַ געקענט אַדורכקריכן. און עפּשער איז עס דער וועג צו פֿרײַהייט?... און איזוואַנאָוו האָט זשעדנע אײַנגעקוקט זיך אין דעם הויכן, פֿינצטערן דורכרײַס. ווי אָבער קומט מען צו אַהין? אַפֿן וואַסער וועסטו קיין לייטער ניט אַוועקשטעלן, און אָפּפֿירן דאָס וואַסער איז אַן אויסגעשלאָסענע זאַך.

און ער האָט זיך הויך צולאַכט, געלאַכט פֿון זיך, און זײַן געלעכטער, געראָטן אין אַ געוויין, האָט שרעקלעך אָפּגעקלונגען אין קעלער איבערן טונקעלן וואַסער. פּלוצים איז אים אײַנגעפֿאַלן אַ נײַער געדאַנק: אָנקלײַבן פּוסטע פֿעסלעך, אָדער פֿולע מיט אייל, קיין נאָפֿקעמינע ניט וועלכע, באַפֿעסטיקן זיי איינע מיט דער צווייטער און אויף זיי אַרויפֿשטעלן וואָס מער פּוסטע קאַסטנס,

די קאַסטנס מיט טשועקעס צונויפשלאָגן, און די איבעריקע פרייע צייט זוכן אויך אַ ברעכאייזן.

ווען זיך ניט איינגעבן גלייך אַרויסצוראַטעווען זיך דורך דער אויבערשטער לאָך, דאַרף מען דורכשלאָגן זיך אַ וועג דורך די פאַרשאָטענע טרעפ. גייט ער אום באַם ברעג פון פאַרגאָסענעם קעלער, דעם קאָפּ פאַריסן אינדערהויך, קוקנדיק ושעדנע צו דער לאָך און שטאַרק פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. באַ דער וואַנט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַף אַ נייעם באַרג קאַסטנס און טייקעף האָט ער איין קאַסטן צובראָכן, ווייל קיין איין קופּע קאַסטנס האָט ער ניט דורכגעלאָזט, ניט אופּעפענעדיק עטלעכע קאַסטנס—דאָס האָט ער אַלץ געזוכט דעם ברעכאייזן אָדער גראָבהאַק. איינמאָל באַ אַזאַ שטיקל ארבעט האָט ער אַנטדעקט אַ גאַנצן לאַגער ליכט. לאַנג האָט ער געטראַכט, וואָס צו טאָן מיט זיי, ווי אויסנוצן זיי.

מיטאַמאָל איז ער געפאַלן אַף אַ האַמצאָע, פון וועלכער ער איז אַליין שטאַרק ניסטאָעל געוואָרן אין פאַר פרייד אַזש צושריען זיך. איצט וועט ער האָבן אי אַ זייגער, אי אַ קאַלענדאַר!

...מאָרגן, איבערמאָרגן, מאָרגן, נעכטן, איערנעכטן!.. האָט געטראַכט דער מענטש, וועלכער האָט שוין פאַרלאָרן דעם כעשבן פון דער צייט. איין ליכטל ברענט דורך נאַכט, א האַלב מעסלעס, הייסט עס, איז צוויי ליכטלעך וועלן ברענען אַ גאַנץ מעסלעס, און אויב מע זאָל אַף יעדער ליכטל אָפּצייכענען צוועלף סימאָנים, האָבן מיר אַפילע שאָען.

דער אומגליקלעכער האָט זיך שטאַרק געפרייט דערמיט. ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס די דאַיגעס וועגן שפּייז און באַלייכטונג האָבן באַ אים די גאַנצע צייט צוגענומען. ניטאָ דאָ קיין ווינטער, ניטאָ דאָ קיין זומער, ווייל צו טיף איז געווען די אונטערערדישע הייל, עס זאָלן אַהער דערגרייכן די טעמפעראַטור-ענדערונגען פון דרויסן.

קיין שום לעבעדיקע זאַך, אויסער פּאַצוקעס. איז דאָ ניט בענימצע. אַפילע מאַך און פלעכטגראָז האָבן אויך ניט געקענט וואַקסן אַפן אייזן-בעטאָן. אין מעשעך פון דער לאַנגער צייט, וואָס ער האָט שוין דאָ פאַרבראַכט, איז נאָר דאָס וואַסער, וואָס האָט פאַרגאָסן אַ טייל פון קעלער, אַביסל פאַרשימלט געוואָרן, און דאָס איז געווען דער איינציקער איידעס פון דער צייט, וועלכע ער האָט שוין פאַרבראַכט אין דעמדאָזיקן שטיינערנעם קעלער.

דאָ האָט געהערשט די אַבסאָלוטע איינזאַמקייט, און יעדער ראָבינזאָן, ווי וויסט זיין אינדזל זאָל ניט זיין, וואָלט זיך אסאך גליקלעכער געפילט, איידער איוואַנאָוו.

די ראָבינזאָנען פון די אומבאַוואָינטע אינדזלען, ווי פאַרוואָרפן זיי זאָלן ניט זיין, אפילע אין די פּאָליאַרע קאַנטן, קענען זיי דאָך פריי קעמפן פאַר זייער לעבן, אָבער דער אונטערערדישער ראָבינזאָן פון דער אימפעריאַליסטישער מילכאָמע, אַ קינד פון זיין צייט—די צייט פון טעכניק, מאַשינעס און אייזן-בעטאָן,—איז געצווונגען געווען צו לעבן אין א גרויסן, פינצטערן שטיינערנעם קעלער. אן אומזין וואָלט געווען צו פּרוּוון אַפילע דורכברעכן זיינע

וואַנט. ווײַל זײַ זײַנען פֿעסטער פֿון גראַניט געווען. ניטאָ דאָ קיין ברעג פֿון
אָקעאַן, קיין בלויער הימל, דאָ האָ ער נאָר שטיינער, פּאַצוקעס און פֿאַרצווייפֿ-
לונג. זײַן טפּיסע איז געווען עטלעכע צענדליק מעטער טיף אין דער ערד,
און זײַן איינאיינציקע האָפֿענונג איז געווען, טאָמער געפֿינט ער ווו אַ צופֿעלי-
קע עפֿענונג.

לאַנג האָט ער געפֿאָרשט דעם דיל, אבער אויסער דעם קליינעם לופֿט-
לעכל נעבן דעם פּראָדוקטן-לאַגער, וואָס ער האָט אנומלט אַנטפּלעקט, און די
אומצוטריטלעכע לאָך איבערן וואַסער, האָט ער מער קיין שום לעכל, קיין שום
אַרויסגאַנג פֿון די שרעקלעכע קאטאַקאָמבעס ניט געפֿונען. איצט, קענענדיק
די צייט באַשטימען, איז לייכטער געווען צו ארבעטן פֿאַר דער באַפֿרייונג. פֿאַר
שלאָפֿן און עסן קען מען שוין אויסטיילן אַ באַשטימטע צייט. מע דאַרף נאָר
באַצייטנס, נו לאָמיר זאָגן, באַ אַ האלב ליכטל אָפּצייכענען די מיטיק-צייט.

ער האָט זיך גענומען צו דער ארבעט איבערן קאַלענדאַר—סימאָנים
מאַכן אַף די ליכטלעך.

דאָס איז געווען אַ פֿיין שטיקל ארבעט. דערביי האָט ער מיט פֿאַרדראָס
באַמערקט ווי גרויס זײַנע נעגל זײַנען אָפּגעוואַקסן. נאָך זיי קען מען פֿעסט-
שטעלן, אז ער איז דאָ שוין, אַוואַדע, אַ האלב יאָר. מיט די צײנער האָט ער
אָפּגעביסן די נעגל און ווידער גענומען זיך צו דער איבערגעריסענער אַרבעט.

אַפֿן ווייסן סטעאַרין האָבן זײַנע הענט איבערגעלאָזט אַזעלכע שמוציקע
שפּורן, אַז ער האָט זיך פֿאַרשעמט. די העמד איז צוריסן, די הענט—שהאַרץ
ווי קויל, און ער האָט באַשלאָסן צו זוכן אין די שפּיטאָל-לאַגערן זייף אַף צו
וואַשן זיך. איצט, אַז ער האָט שוין אַ לייכט-זייגער, האָט ער אָנגעהויבן צו
טראַכטן אויך וועגן איינאָרדענען זיך אַ וואָינונג, ריכטיק אַוועקשטעלן די אַר-
בעט. פֿריער האָט ער וועגן דעם ניט געטראַכט, ווי עס ווייזט אויס, צוליב
דער קאַנטוזיע אין קאָפּ באַם אויפֿרייס. איצט האָט דער אונטערערדישער ראָ-
בינזאָן גענומען זיך צום איינאָרדענען די וואָינונג. געווען דאָ אַן אָרט, וועל-
כער האָט ארויסגעשטאַרצט הויך איבערן דיל און ניטצוטריטלעך געווען פֿאַר
די פּאַצוקעס. אָט דאָרט דאַרף מען אוועקשטעלן דעם לייכט-קאַלענדאַר, קעדיי
די פּאַצוקעס, וועלכע נישטערן אומעטום, זאָלן ניט אומוואַרפֿן די אנגעצונדענע
ליכט. אַף יעדן פֿאַל, טאָמער ווערט מען קראַנק, דאַרף מען אַלץ האָבן אונטער
דער האַנט, און דאָ איז ארויפֿגעשווומען די פֿראַגע וועגן קיילים. אַ קעסעלע—
אָנגרייטן וואַסער צום וואַשן זיך און אַ פּלאַטשיקע בלעכענע שאַכטל פֿון קאָנ-
סערוון—אנשטאָט אַ טעלער—די אַלע זאַכן האָט ער צוגעשלעפּט צום ארויס-
געשטאַרצטן שטיין.

דער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט דעם געדאַנק וועגן געמיט-
לעכקייט אין דער נייער דירע, אָבער מיט באַדויערן האָט ער איינגעזען, אַז
פֿון אַסאַך זאַכן וועט ער מוזן אָפּזאָגן זיך—אַלץ וועט פֿאָשעט אַפֿן דיל ליגן,
ווײַל קיין איין טשוועק איז ניט מעגלעך ארײַנצוקלאַפּן אין אַ שטיינערנער
וואַנט.

אַ װייך געלעגער וועט ער מאַכן פֿון שפּיטאָל־וואַטע מיט מאַרלע, און ווידער געאַרבעט. איצט, האָבנדיק דעם ליכט־זייגער, קען מען שוין אָפּגעבן זיך אַ דינוחעשבן פֿון דער אויפֿגעטאָגענער אַרבעט.

ער האָט געטראַכט אויך ווי אַזוי צו באַשיצן זיין דירה פֿון די פּאַצוקעס: פֿון דעק פֿון אַ קאָנסערוון־שאַכטל האָט ער אַ שפּיגעלע געמאַכט; געמאַטערט זיך שטאַרק, וועלנדיק מאַכן אַ גאָלמעסער. ער האָט ניט כּוישעד געװען, אַז איצט, צוגלייך מיט אַסאַך אַנדערע ראָבינזאָנס, מאַכט ער דורך אין משך פֿון עטלעכע כאַדאָשים דעמזעלביקן וועג, וועלכן עס האָט דורכגעמאַכט די גאַנצע מענטשהייט אין יענער ווייטער, ווייטער צייט, ווען די מענטשן האָבן זיך דעם קאָפּ געבראָכן איבער יעדער קלייניקייט. בא אים האָט איצט, אַזוי ווי בא די אוראַלטע מענטשן, יעדע דערגרייכונג געהאַט זייער אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל זי האָט באַקומען אַ פּראַקטישע אַנווענדונג אין זיין לעבן.

פֿון צוויי קאַסטנס קען מען אויפֿמאַיסטרעווען צוויי שאַפֿקעלעך מיט פֿאָליצעס,—אַן אָרט פֿאַר די ליכט, זייף, אייל־לעמפּל און מאַרלע; נאָך פֿון צוויי קאַסטנס מאַכט ער אַ טיש מיט שטולן. ער האָט געפֿילט, אַז די פֿאַרשאָלכענע פֿינצטערניש פֿון דערדאָזיקער הייל נעמט בא אים אָפּ צופֿיל געדאַנקען און ענערגיע, און ווי ניט איז מוז ער דאָך, פֿאַר יעדן פּרייז, זיין ווינקל אַרויסרייסן בא דער פֿינצטערניש: ער וועט זיך אָפּצאָמען פֿון איר מיט אַ וואַנט פֿון בלעכענע קאָנסערוון־שאַכטלען, אָנצינדן בא זיך פֿייער—און דאָס וועט אים גלייך צוגעבן פֿיל מוט און גלויבן אין די קויכעס.

זיין גאַנץ לעבן איז איצט פֿאַרפֿילט געוועזן מיט מי און געדאַנקען און פֿון צייט צו צייט האָט ער שוין אויך גליקלעכע מינוטן געהאַט. דער געדאַנק, אַז אַ לייטער וועט ער קענען מאַכן פֿון ברעטלעך, וועלכע ער וועט צונויפֿבינדן מיט מאַרלע, צונויפֿשלאָגן מיט טשוועקעס און פֿאַרפֿעסטיקן מיט שטיקלעך אייזערנע רייפֿן פֿון די פֿעסלעך—צוליב דעם איין געדאַנק האָט ער אַ גאַנצן טאָג געפֿילט זיך גליקלעך.

ס'ערשטע מאָל פֿאַר דער גאַנצער צייט האָט ער דערפֿילט, אַז ער הויבט אָן אָפּסניי צו לעבן, און די אַנומעלטיקע בלאָנדזשעניש אין דער פֿינצטערניש האָט זיך אים פֿאָרגעשטעלט ווי דאָס געמאַטערטע לעבן פֿון אַ שוועמל אין פֿינצטערן קעלער.

IV. אַ נייער פּיינט.

פֿון די ליכט האָט מען אָפּט געמוזט אַראָפּנעמען די אָפּשניצלעך. אַניט װאָלט די קאַנטראָל־ליכט צו שנעל זיך אויסגעשמעלצט, דאָס אָבער האָט אים ניט געשטערט צו אַרבעטן בא וואַסער. ווייל, גייענדיק צו דער אַרבעט, פֿלעגט ער זי מיטנעמען, עטעס, בייסן גיין פֿלעגט די ליכט שנעלער שמעלצן זיך, און די שאָען זיינען געגאַנגען פֿאָרויס. קעדיי צו פֿאַריכטן דעם פֿעלער, פֿלעגט ער, צוריקגייענדיק אַהיים, אַף אַ באַשטימטער צייט אויסלעשן זי. אַף אַזאַ אויפֿן האָט ער רעגולירט זיין זייגער.

מיט דער צייט איז איוואַנאָוו לעבן אַלץ שווערער געוואָרן. יעדן פֿרימאָרגן באַם וואַשן זיך האָט ער אַלץ אָפֿטער אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז איבער דער גאַנצער הייל טראָגט זיך אַרום דער רויך פֿון זיינע ליכט־טורעמס. זיין נאָז איז שטענדיק שוואַרץ געווען און פֿון רויך האָט ער אָנגעהויבן צו הוסטן. פֿאַר אַ וואָך אַרבעט באַם וואַסער האָט ער פּאַרוויין פֿאַרייניקט אַכט פּוסטע פֿעסלעך. אין די שפּיטאָל־לאַגערן זיינען געווען פּעק מאַרלע, האָט ער פֿון די באַנדראַזשן שטריק געפֿלאָכטן און מיט זיי די פֿעסלעך געבונדן. אַז די פֿעסלעך זיינען שוין אין וואַסער געשטאַנען, האָט ער פֿאַר יעדער פּאָר געדאַרפֿט אַן אַנקער מאַכן, קעדיי די פֿעסלעך זאָלן אומבאַוועגלעך שטיין. די אַרבעט האָט באַ אים נאָך אַ וואָך צייט צוגענומען.

פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט באַם וואַסער געאַרבעט, האָט ער אַפֿילע ניט אַריינגעקוקט אין די שכיינעסדיקע קעלערן. איצט האָט אים אָנגעהויבן צו באַאומרויִקן דער פֿאַקט, וואָס די צאָל פּאַצוקעס איז מיט יעדן טאָג אַלץ גרעסער געוואָרן, און אַף שריט און טריט פֿלעגט ער זיי טרעפֿן. איינמאָל, קומענדיק „אַהיים" אין זיין אָפּגעזאַמטן ווינקל, האָט ער מיט גרויס אַגמעס־נעפֿעש באַמערקט, אַז אין זיין אָפּוועזנהייט האָבן די פּאַצוקעס צוריזשעט אין ווייסן פּראָשעק גאַנצע עטלעכע קאַסטנס ליכט.

נאָך אין עטלעכע טעג אַרום, צוקומענדיק צום וואַסער, האָט ער דערזען אַ גאַנצע מאַכנע פּאַצוקעס פֿון עטלעכע הונדערט שטיק, וועלכע זיינען געקומען אָנטרינקען זיך.

זיי האָבן פֿאַר אים לאַכלוטן ניט דערשראָקן זיך און קעסיידער, פּאַוואָליִנקע געשטופּט זיך צום וואַסער, די, וואָס האָבן זיך אָנגעטרונקען, זיינען צוריק געלאָפֿן און אַף זייער אָרט זיינען נייע אָנגעקומען.

ווי פֿאַרשטיינערט איז איוואַן געבליבן שטיין פֿאַרן דאָזיקן בילד. ער האָט גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ געפֿערלעכער סוינע, און אויב ער וועט מיט עפּעס וואַרפֿן אין זיי, אָדער כאָטש איין פּאַצוק הארגענען, איז דאָן זיין לעבן אין סאַקאָנעס־זיי וועלן אים ביז טויט צובייסן. מיט שרעק האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי זיי גייען צוריק אין קעלער, און דערפֿאַר האָט ער באַשלאָסן נאָך מאָרגן צו באַקוקן דעם פּראָדוקטן־לאַגער. טאָמער פֿאַרכאַפּן זיי אים, דאָן גייט ער אויס פֿאַר הונגער.

די קאַנטראָל־ליכטלעך זיינען באַ אים געווען ווייסע און שוואַרצע, אויסגעשמירטע מיט סאַזשע. די שוואַרצע האָבן געוויזן נאַכט.

איינמאָל, אינמיטן נאַכט, האָט אים אויפֿגעוועקט אַ פּאַצוק, וועלכער איז אים איבערן פּאָנים דורכגעלאָפֿן. אַרום און אַרום איבער די קאַסטנס מיט די פּראָדוקטן זיינען הונדערטער פּאַצוקעס אַרומגעלאָפֿן. דער געפֿאַנגענער איז אויפֿגעשפּרונגען און, ניט ווילנדיק, אַף איינעם אָנגעטראָטן מיטן פֿוס. יענער האָט אַ פּישטשע געטאָן און מיט די שאַרפֿע ציינער פֿאַרפֿאָרן אים אין שטיוול. נאָך אים—אַ צווייטער, דערנאָך—אַ דריטער און נאָך און נאָך. אויסער זיך פֿאַר שרעק, האָט ער זיי מיט די פֿיס געטראָטן, געהאַרגעט מיט אַ שווערער

ברעט. דאַן האָט ער אָנגעצונדן פֿיר פֿאַקעלן און זיי אַ וואָרף געטאָן אין דער מאַכנע פּאַצוקעס, און נאָר דער פֿייער האָט געצוווּנגען דעם סוינע אָפּצוטרעטן.

אַ שטאַרק צוטראָגענער האָט דער געפֿאַנגענער אַ וואָרף געטאָן זיך צו זיין ליכט-זייגער. די ליכטל איז גאַנץ געווען און רויִק געברענט — זי האָט געוויזן דריי אַזייגער באַנאַכט. העכער אויף דער וואַנט, דאָרט, ווו ער פֿלעגט פֿאַרשרייבן די צאָל כאַדאָשים, און דאָרט, — אָפּן צווישן אַרויסגעטאַרטשעטן שטיין, — ווו עס איז געווען זיין לאַנגער ליכט, זיינען נאָך פּאַצוקעס אומגעלאָפֿן, און, קעדיי זיי אויך פֿון דאָרט פֿאַרטרייבן, האָט ער נאָך אַ פּעקל ליכט אָנגעצונדן.

V. דער לעצטער פּרווו.

דער געפֿאַנגענער האָט זיך ווידער גענומען צו זיין קעסטל-געביידע — ער מוז און וועט צוקומען צו דער עפֿענונג פֿון דער שוואַרצער לופֿטלאָך, אויב אַפֿילע די לעצטע גייט קניאַרטיק, קען מען אויך, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט פֿיס און רוקן, פּרוּוון דורך דערדאָזיקע שטיינערנער רער אַרויסקלייבן זיך אויף דער פֿריי. צי וועט אָבער קלעקן קאַסטנס אויף אויפֿצושטעלן די רישטאָוואַניע? קעדיי צוצוקומען צו דער לופֿטלאָך, דאַרף מען נאָך אַרבעטן לעכאָל-האַפּאָכעס אַ גאַנץ יאָר, בלויז אויף אויסרעכענען דעם סכום נויטיקע בוימאַטעריאַלן, ברעטער, טשוועקעס, ברענגען עס אַלץ צושלעפּן צום וואַסער — אויף דעם אַליין האָט מען אויך געדאַרפֿט אַ היפּשע צייט, און ער האָט באַשלאָסן גוט אַדורכצוטראַכטן דעם פּלאַן פֿון זיין בוי-אונטערנעמונג.

איצט איז ער זיכער געווען אין זיינע קויכעס, ווייל ניט לאַנג האָט ער געפֿונען אַ היפּש ביסל לעבלעך פֿאַרטריקנט ברויט, און ער האָט אָנגעהויבן בעסער צו דערנערן זיך.

ניט גלייך האָט ער געקענט צוטרעטן צו דער אַרבעט אָפּן וואַסער, ווייל שטענדיק האָט ער געדאַרפֿט צוגיסן אייל אין די אייל-לעמפּלעך, וועלכע האָבן די הייל באַלויכטן. דאָך האָט איוואַנאָוו גוט אויסגעפֿאָרשט די הייל, באַקוקט אַלע קאַסטנס און אויסגערעכנט די צאָל ברעטער.

דערביי האָט ער אויסגעניששטערט אַלע ווינקעלעך — עפּשער געפֿינט ער פֿאָרט אַ ברעכאייזן אָדער אַ גראָבהאַק. ער האָט קאַסטנס אויסגעליידיקט, טשוועקעס אַרויסגעצויגן און פֿונדעסטוועגן האָט ער אַליין נאָך ניט באַשלאָסן, ווו די אַרבעט אָנצוהויבן, ווו איז בעסער — אָפּן וואַסער, צי באַ די פֿאַרשאָטענע טרעפּ. וואָלט ער נאָר געהאַט אַ ברעכאייזן, איז, פֿאַרשטייט זיך, גלייכער אָנצוהויבן פֿון די טרעפּ, וועלכע וואָלטן אים זיכער אַרויסגעפֿירט אויף דער פֿריי, אין דעם איז ער איבערצייגט געווען, וווהין אָבער עס פֿירט די לופֿטלאָך, וואָס איבערן וואַסער, האָט ער אַליין ניט געוווּסט.

די אַרבעט איז צוגעגאַנגען זייער מאַרודנע און ער האָט אויסגערעכנט, אַז ניט פֿריער פֿון אַ האַלב יאָר צייט וועט ער צוקומען צו דער לופֿטלאָך, וועלכע פֿירט עפּשער צו דער פֿריי.

איינמאָל בײַם אַראָפּקריכן איז ער אַראָפּגעפֿאַלן און גלייך אין וואַסער אַריין.

ער האָט נים פֿאָרויסגעזען די ווידערשטאַנדקראַפֿט פֿון די ברעטער, וועלכע זיינען געלעגן אַף די אונטערשטע פּעסלעך, און אַז די פּיראַמידע איז אויסגעוואַקסן ביזן צענטן שטאָק, האָבן די אונטערשטע ברעטער אַף אַזוי פֿיל זיך אויסגעבויגן, אַז ער האָט שוין מוירע געהאַט אינדערהויך צו אַרבעטן. און דאָך האָט ער נאָך צוויי שטאָק אויפֿגעשטעלט. אָבער די ברעטער האָבן אונטער דער גרויסער מאַסע שטאַרק געבויגן זיך און די גאַנצע געביידע האָט זיך פּאַשעט געוויגט אין אַלע זייטן.

יעדער מאָל באַם אַראָפּקריכן פֿון איין שטאָק קאַסטנס אַפֿן צווייטן, פֿלעגן די ברעטער זיך אויסבייגן ווי פּרוזשינעס און ווייגן די פּעסלעך. און אַט, איינמאָל באַם אַראָפּקריכן, איז ער אַראָפּגעפֿאַלן און גלייך אין וואַסער אַריין.

פֿון פּלוצעמדיקייט און איבערשרעק האָט זיך איוואַנאָוו שיר נים פֿאַר-כלינעט און קוים אַרויסגעטויכט פֿון גרינלעכן וואַסער, וועלכע האָט אים איינגעזויגן ווי אייזקאַלט. פֿאַר שרעק האָט אים דער אָטעם פֿאַרכאַפּט. און אַז ער איז אַרויסגעקראָכן אַפֿן שטיינערנעם דיל, האָט ער שוין מער קיין מוט נים געהאַט צו אַרבעטן און ער איז אַוועק צו זיין געלעגער. דאָרט האָט ער פֿון ברעטער צולייגט אַ פֿייער און, אַראָפּגעטאָן פֿון זיך די נאַסע שמאַטעס, האָט ער זיי און אויך זיך אַליין אָנגעהויבן צו טריקענען באַם פֿייער.

פֿאַרנאַכט האָט אים אַ פֿיבער אָנגעכאַפּט, דער קאָפּ האָט געברענט ווי אַ פֿייער. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז אַ צינדונג. אים מיידע, ער זאָל פֿון הויך נים אַראָפּפֿאַלן פֿון זיין געלעגער ווען אַפֿן אַרויסגעריכטן שטיין האָט ער לעבאַכטיקע אַראָפּגעלאָזט זיך אונטן. פּלוצים האָט ער דערהערט אַ הילכיקן קנאַק, געקראַכט און אַ שאָס. דערנאָך אַ שרעקלעכן ליאַרם, אַ פּלעסק אין וואַסער און אַ מעכטיק-געלאַך פֿון די פּאַציענטן איבער דער גאַנצער היל.

פֿאַר אים איז קלאָר געוואָרן, אַז זיין גאַנצע געביידע איז איינגעפֿאַלן און ער האָט געלאָזט זיך לויפֿן צום פֿאַרגאַסענעם קעלער. און וואַסער זיינען געשווומען קופּעס ברעטער און צובראָכענע קאַסטנס. האָפֿענונגסלאָז איז דער מענטש אַ לאַנגע צייט געשטאַנען באַם וואַסער אַ פֿאַרצווייפֿלטער. דער מאַנים און די הענט באַהאַלטן, צום סאָף איז ער טרייסטלאָז אַוועק צום געלעגער און זיך געלייגט. ער האָט זיך ווייטער שרעקלעך געפֿילט. דער קאַלענדאַר איז אָן אויפֿזיכט געבליבן. ער האָט אויפֿגעהערט צו ציילן די טעג און אָפּט פֿלעגט ער דעם באַוווסטזיין פֿאַרלירן...

קענטיק, אַז די קרענק האָט זיך ווייטער לאַנג געצויגן. אַלע פֿייערן האָבן זיך אויסגעלאָשן, און די פּאַציענטן זיינען געוואָרן ווינע שטענדיקע שכנים. געגנג געוועזן נאָר אויסצושטרעקן די האַנט צו דער קילע מיט וואַסער. ווי עס פֿלעגט זיך אָנהויבן אַ ליפֿעריי און אַ קראַצעריי פֿון די פּאַציענטן. איצט איז נאָך ערגער, ווי פֿריער, ווייל די פֿינצטערניש האָט יעדער איינגעהילט די גאַנצע היל, און אַז ער האָט איינמאָל שוין אָנגעשטרענגט זיך און ווי עס איז דערקליבן זיך צום פּראָדוקטן-לאַגער, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז אים

האָבן פֿאַרכאַפּט די פּאַצוקעס, וועלכע האָבן זיך פֿאַר דער לעצטער צייט שרעקלעך פֿאַרמערט.

באַם מענטשן איז שוין מער גאָרנישט געבליבן אַכוץ דעם איינגעבוירענעם אינסטינקט צום לעבן, און ראָך האָט ער, אונטערן דראנג פֿון אָט דעם גזעצן, ווידער גענומען זיך צו דער איבערגעריסענער אַרבעט. קיין האָפֿענונג אָף באַפֿרייונג האָט ער שוין ניט געהאַט, און דאָך האָט ער זיך געקלאַמערט אינם לעבן, און וואָס מער דורכפֿאַלן ער האָט געהאַט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער כיישעק צום לעבן. אָפּט פֿלעגט אים די אַרבעט איינגאָנבן פֿאַרכאַפּן און, פֿאָלגנדיק דעם מעכטיקן אינסטינקט פֿון לעבן, האָט דער אונטערערדישער געפֿאַנגענער מיט אַ שטיקל אייזן געפּרווּוט אָפּראַמען די קופּעס בעטאָן פֿון די פֿאַרשאָטענע טרעפּ.

איבערציינגנדיק זיך נאָך עטלעכע טעג, אַז די דאָזיקע אַרבעט איז אַן אומזיניקע, האָט ער דאַן זיין גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט געשענקט דער וואַינונג. פֿאַר צוויי וואָכן צייט האָט ער פֿון ברעטער און ריימען אַ לייטער געמאַכט. אַ הויכן אָרט, וועלכער איז ניט צוטריטלעך געווען פֿאַר די פּאַצוקעס, האָט ער אויסגעבעט מיט האַטע און מאַרלע. אַהער האָט ער אויך אריבערגעטראָגן אויך אַלע מילך און פֿלייש-קאָנסערוון און אינמיטן האָט ער אַוועקגעשטעלט אַן אייל-לעמפּל מיט וואַסער, אין וועלכן עס האָט געברענט אַ קאָנטראָלליכטל. שפּעטער איז ער אויך צו די קריכעס געקומען און מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער עקשאָנעס האָט ער ווידער גענומען בויען די רישטאָוואַניע.

אָוועק זיינען וואָכן, כאַדאָשים, און ער האָט נאָר געטאָן, ווי שטריק געפֿלאָכטן, די ברעטער פֿאַרפֿעסטיקט און, ענדלעך, איז דער געפֿאַנגענער, אָפֿן פערטן יאָר פֿון זיין אונטערערדישן לעבן, דאָך צוגעקומען צום סטקעלן קוואַדראַט. אָף אים האָט מיט קעלט אַ בלאָז געטאָן, און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נאָר אַ רער צום לופֿטערן די אונטערערדישע הייל. פֿונדעסטוועגן איז ער אינעווייניק אריינגעקראָכן און גענומען דראַפּען זיך ארויף, אנכאַפּנדיק זיך מיט די הענט פֿאַר די ווענט, ביז ער האָט ניט דערגרייכט דעם סאָף פֿון דער רער—און ווידער אַ סהאָם. האָט ער אָנגעצונדן די דורכגעפֿעצטע פּאַקלע. צו אַלדע רוכעס! ער האָט פֿאַר זיך דערזען נאָך אַ קעלער אַ פֿאַרגאָסענעם מיט וואַסער, און פֿון סופֿים האָבן אראָפּגעהאַנגען די צושטערטע וואַסערלייטונג-רערן פֿון שפּיטאָל.

דריי יאָר אָנגעשטרענגטע אַרבעט און איבערנאַטירלעכע קריכעס האָט ער געפּאַטערט אַף וואָס און אַף ווען?—אַף אריינצוקוקן אין אַ שכיינעסדיקן קעלער! ווייטער דאָ אַרבעטן איז אומעגלעך געווען, ער האָט זיך קוים גערירט שוין. דער דורכגאַנג אין סופֿים איז אויך, ווי אין קעלער, וואו איוואַנאָוו האָט געלעבט, פֿאַרשאָטן געווען מיט אומגעהויערע שטיקער אייזן-בעטאָן.

אַז ער איז אַ שווייגנדיקער צוריקגעקומען, האָט ער דערזען—די פּאַצוקעס האָבן די לעצטע ליכט פֿאַרניכטעט.

דערשיטערט פֿונעם לעצטן דורכפֿאַל, איז דער געפֿאַנגענער צו זיין געלעגער אַוועק, און עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַן אימע פֿאַר דער נאַכטישער

שטילקייט און איינזאַמקייט. אויסער זיך, ציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף, האָט ער זיך צוריק אין קעלער אַראָפּגעלאָזט, אַלע איבערגעבליבענע פּעסלעך מיט האַרמאַטן-אייל אין פֿאַרשיידענע ערטער צושטעלט און ווי אַלע אַהנטערגעצונדן. און אָט האָבן בײַ אַנדערטהאַלבן צענדליק פֿייערן זיך צופֿלאַקערט. פֿאַריאָגנ-דיק די פֿינצטערניש.

אַז דער מעשוגאַס-אַנפֿאַל, אַרויסגערופֿן דורך דער פֿאַרצווייפֿלונג, איז אַוועק, האָט איוואַנאָוו מיט שרעק געקוקט אַף די פֿלאַקערנדיקע פּעסלעך, וועלכע עס האָבן אויסגעברענט די לעצטע רעזערוון באַלײַכטונג. די העל-רויטע פֿלאַמען האָבן זיך געריסן אינדערהויך און ווייער ציטערדיקער שײַן האָט באַלויכטן דעם מענטשן, וועלכער האָט אינגאַנצן געטרייסלט זיך. ענדלעך האָט ער ניט אויסגעהאַלטן די יעסורים און אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן זיך פֿון די טרעפּ, קעדיי פּרוּוון פֿאַרלעשן די טרײַפּע און כאָטש איין פֿאַס אייל אָפּראַ-טעווען. בײַ די מיטלסטע טרעפּ אָבער האָט אים דער רויך אַזוי אָנגעהויבן צו שטיקן, אַז ער איז שיִר ניט אַראָפּגעפֿאַלן. נאָר ניט רויך אַליין איז דאָרט געווען: מער פֿון צוויי הונדערט פּוד נאַפֿט-אייל האָט פֿאַר צוויי מעסלעס אויסגעברענט. און דער קוילנזויערע גאַז האָט אינגאַנצן פֿאַרפֿילט דעם אונטן פֿון קעלער און דערמיט אינגאַנצן אָפּגענומען אים בײַם מענטשן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אַן אומדערטרעגלעכער איפּעש אָנגעזאָגט אים, אַז זײַן גרויזאַמער סוינע—די פּאַצוקעס—זײַנען אומגעקומען—פֿון קוילנ-זויערן גאַז.

אַז די לעצטע ליכטלעך פֿון קאַלענדאַר האָבן אויסגעברענט, האָט ער די צײַט גערעכנט לויט וואָכן. אַ לעמפּעלע אייל מיט אַ קליינעם קנויטל האָט אַ וואָך צײַט געלויכטן. אין צען וואָכן אַרום איז די אייל אויך אויסגעגאַנגען און ס'איז אָנגעקומען אַ פֿיליאַריקע קייחער-פֿינצטערניש.

VI. אַ מענטש אַ געשפּענסט.

שווער און מאַרודנע האָבן זיך די יאָרן געצויגן. דערנערנדיק זיך מיט קאָנסערוון, האָט די האַלבנאַקעטע, מיט האָר באַוואָקסענע און צופֿוילטע טראַנ-טעס באַשעפֿעניש געוואַלגערט זיך אַף איר צוקנייטשט און צופֿוילטן געלעגער און ווי עס איז אונטערגעהאַלטן אין זיך דעם לעצטן ברעקעלע פֿונק פֿון לעבן.

און ס'איז געקומען די צײַט פֿון גאַלוצינאַציעס און פֿאַרליִרן דעם באַ--וווסטזײַן. אין איוואַנאָווס פֿאַרטונקלטן מאַרך פֿלעגן אויפֿשווימען האַלבפֿאַרגע-סענע בילדער פֿון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע געשטאַלטן און, ווי אַף צולאָ-כעס, האָבן זיי אַלע אויסגעזען ווי די פֿאַרהאַסטע פּאַצוקעס... ער האָט שוין ניט געפֿילט די צײַט, ניט אָנגעשטויסן זיך, אַז, זינט ער וואַלגערט זיך דאָ צווישן די קאָנסערוון-שאַכטלען, זײַנען שוין יאָרן פֿאַרבײַ.

ער האָט שוין פֿאַרגעסן, וואָס אַזוינס איז אַ מענטש, ער האָט פֿאַרגעסן, אַז אַליין איז ער אויך אַ מענטש געווען. די באָרד, וואָנצעס און האָר אָפֿן קאָפּ זײַנען זיך צעוואַקסן, צופֿלאָנטערט זיך אין קודלעס...

טאַרציסערס זיינען אַלע אָפּגעשפּרונגען — פֿאַר זיי איז געשטאַנען אַ מענטש־
אַ געשפּענסט.

—צייטנווייז פלעגט ער אויך צוריק צום באַוווסטזיין קומען. צום באַדוי-ערן, האָט דאַן קיינער ניט פאַרנומען זיינע אופריכטיקע און עמעסדיקע רייד, זיינע צאָרן-קלאָלעס. דאָס אַלץ האָבן ניט געהערט אָט די אַלע מאַכט-האָבנ-דיקע גענעראַלן, אָט די רוידעף-שאָלעמדיקע מיניסטאָרן, וועלכע האָבן די וועלט-שכיטע אַרויסגערופן.

קיין איינציקער פֿון אָט די אַלע, וועלכע עס וואָלט ניט געשאַדט אים אויסצוהערן, האָבן אָבער קיין איינציק וואָרט ניט פאַרנומען, און נאָר די שטילע פֿינצטערניש האָט דורכשטיק איינגעזאַפּט אין זיך זיינע זיפֿצן און קרעכצן... ער האָט שוין לאַבליטן גאַרנישט געזען און ייי בא אַלע בלינדע, איז זיין געהער שטאַרק פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן. דעם לעצטן האַלבן יאָר האָט זיין אויער פאַרנומען פֿיניבן עפּעס איינטאָניקע קלעפּ. און בא יעדן טעמפּן קלאַפּ פֿלעגט ער אינסטינקטיוו מיטן גאַנצן גוף אַ ציטער טאָן..

איינמאָל האָט ער דערהערט שוין נאָר נאָענט גרייך איבערן קאָפּ, הייכע קלעפּ פֿון ברעכאייזן און גראָבהאַק. יעדער קלאַפּ האָט זיך א הונער אָפּ-געקלונגען אין זיינע אייערן.

און פּלוצים האָט עפּעס אַ שניד געטאָן אין די אייגן און ער איז בלינד געוואָרן, ניט באַמערקנדיק אַפילו, אַז דאָס זיינען די שטראַלן פֿון דער טאָג-ליכט, אויף וועלכע ער האָט אַזוי פֿיל יאָרן געוואַרט און די אייגן אויס-געקוקט.

די מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט באַם אויסגראָבן דעם אַרטן פאַרט פֿון דער אַסאָיועצער פעסטונג, האָבן פֿאַר זיך דערזען אַ האַלבנאַקעטן יאָרן מיט לאַנגע, קימאַט ביזן גאַרטל, גראָע האָר.

פֿאַרציטערטע זיינען זיי אַלע אָפּגעשפּרונגען: פֿאַר זיי איז געשטאַנען אַ מענטש אַ געשפּענסט!



אין געפאנגנשאפט בא די וועלף

I. אַ געפערלעכער וועג.

— בעסער וואָלט איר ביז מאָרגן צוגעוואַרט—האָט געזאָגט דער אוּפּזעער איבערן לאַגער, דריקנדיק די האַנט דעם באַקאַנטן בריוועטרעגער.—איך וועס אויסקומען די גאַנצע דרייסיק מייל אַף ליזשעס דורכצומאַכן, אונטער פאָרן וועט זיך ניט איינגעבן, ווייל באַנאַכט וועט איר קיין פור ניט טרעפן.

— ניין, ביז מאָרגן קען איך ניט וואַרטן. איך האָב זיך אַזוי אויך שוין פאַרשפּעטיקט—האָט געענטפערט באַב גריי—די פּאָסט מוז איך צושטעלן צו דער צייט. ביז ס'וועט פינצטער ווערן, וועל איך היינט נאָך דורכלויפן אַף די ליזשעס אַ צען מייל און ס'רעשט—מאָרגן.

— ווי זשע וועט איר איבערנעכטיקן? איר האָט, קענטיק, פאַרגעסן, אַז פאַר די צען מייל איז קיין שום יישעוו ניטאָ.

— נישקאָשע. איך האָב מיטגענומען אַ ביזאָנען-פעל. מיט איר וועל איך שוין ניט דערפרוירן ווערן. דערצו איז עס מיר ניט ס'ערשטע מאָל צו נעכטיקן אין וועג. און אַף יעדן פאַל... האָב איך אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער.

די פאַרטיפונג, איבער וועלכער עס איז געגאַנגען דער בריוועטרעגער, איז ביסלעכווייז אַלץ ברייטער געוואָרן. אַפן אויסגעטראָטענעם שטעג איז דער שניי נאָך האַרט געווען, אָבער דאָ און דאָרט האָט ער שוין גענומען אָפּגיין.

— הו-הו-הו!—האָט גרייִ אויסגעשריען, און זיין געשריי האָט איבערגעשראָקן גרויסע מאַכנעס ווילדע פייגל, וועלכע זיינען זיך צופלויגן פון ביידע זייטן וועג, גוואַלדיק פאָכנדיק מיט די פליגלען.

ווייטער האָט ער געטראָפן אַ סטערעדע הירשן, וועלכע זיינען איבערגעשראָקענע צולאָפן זיך אין נאָענטן וועלדל. און נאָך ווייטער האָט ער אַף

אַ בערגל דערזען דריי וועלף; זייער אופגעדרעגטע זייַנען זיי געשטאַנען און שרעקלעך אופגעבראָכט געקוקט אָפן מענטשן מיט די ליזשעס, וועלכער האָט זיי געשטערט אַנצופאַלן אַף די הירשן.

די וועלף זייַנען געווען דאַרע, אויסגעהונגערטע, שרעקעוודיקע און פול מיט רעציכע. אופהויבנדיק די מאָרדעס, האָבן זיי די לופט באַשמעקט און אייַנגעקוקט זיך אין בדיווסרעגער. זיי האָבן געהאַט צעשויבערטע פעל פון גרויען קאָליר און גלייך אופגעשטעלטע אויערן.

— וואָלד-וועלף!—האָט גריי געזאָגט, אָפגעשטעלט זיך און צוגעקוקט זיך צו זיי.

די וועלף האָבן זיך פון אָרט ניט גערירט. שווייגנדיק האָט גריי אויסגעוואַרט. איינער פון די וועלף האָט דעם קאָפ אופגעהויבן, אַ שמעק געטאָן די לופט און מוירעדיק הויך צעוואָיעט זיך. אין דעם אָפענעם פיסק האָט גריי דייטלעך באַמערקט די שטאַרקע געלע ציינער און דעם טונקל-בלויען גומען. די וועלף האָבן זיך עטוואָס אַ רוק געטאָן און ווידער אָפגעשטעלט זיך.

— הוט זיך! האָט זיך דער בריווטרעגער צולאַכט און מיט אַ שטיק צווייג אַ וואָרף געטאָן אין די וועלף.

די וועלף האָבן זיך אויסגעדרייט גרייט צום אַנטלויפן. נאָר פלוצים האָט דער גרעסטער וואָלף זיך אומגעקערט, געזעצט זיך אַף די הינטערשטע פיס און אָנגעשטעלט אַף גרייען זייַנע מיט רעציכע פאַרלאָפענע אויגן. די איבעריקע צוויי וועלף האָבן זיך אויך אָפגעשטעלט, צוגעזעצט זיך און אויך גענומען קוקן אָפן בריווטרעגער. איינער פון זיי האָט אינגאַנצן אויסגעצויגן זיך אָפן שניי, און דער צווייטער האָט זיך דראָענדיק צעברילט. אין דעם מאָמענט האָט ער אופגעעפנט זייַן פיסק ביזן סאַמע שלונג, און די גרוילעך-געלע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַ ניט גוטן פייערל. די צעשויבערטע האָר אַפן נאַקן האָבן זיך אופגעשפיצט.

גריי האָט ווידער אָפגעבראָכן אַ שטיק צווייג און געוואָרפן אין די וועלף. דאָסמאָל זייַנען זיי ניט אַנטלאָפן, נאָר בייז ברילנדיק, האָבן זיי זיך אַביסל אָפגערוקט אַ הינטער. זייער פירער האָט, אויסנוצנדיק אַ מאָמענט, געפרווט אַפילע עטלעכע טריט דערנעענטערן זיך צום בריווטרעגער.

— עס שאַדט ניט, דייַן פעל וועט מיר צוניץ קומען—האָט גריי געזאָגט, אַרויסנעמענדיק דעם רעוואָלווער פון פוטליאַר.

— אָט, האָסטו דיר!—האָט ער געזאָגט, אָנדריקנדיק דעם צינגל. שאַרף האָט אַ קנאַל געטאָן אַ שאָס. דער גרויסער וואָלף איז אומגעפאַלן מיטן קאָפ אַראָפ, פאַרוונדעט אין פלייצע.

און איידער ער האָט זיך נאָך אויסגעצויגן אַפן שניי, ווי זייַנע צוויי כאַווירים האָבן זיך אַף אים אַ וואָרף געטאָן און אָנגעהויבן צו בייסן און צו רייסן. אַזאַ גרוויזאַמקייט האָט גרייען פאַרכידעשט און אופגערעגט. מיט נייגעגעריקייט איז ער אַף עטלעכע טריט נעענטער צוגעגאַנגען, בעסער אייַנצוקוקן זיך. די וועלף האָבן דאַן אופגעהויבן זייערע מיַעסע, פאַרבלוטיקטע מאָרדעס און צובילט זיך. זיי האָבן אַזוי עקלהאַפט אויסגעזען, אַז גריי האָט ניט

בריי האָט דאַן נאָך צוויי מאָל אויסגעשאָסן און אַוועקגעלייגט אים אפֿן אָרט.

אויסגעהאלטן, און אויסגעשאָסן אין דעם, וואָס איז אַמנאָענטסטן צו אים געשטאַנען.

עטלעכע רעגעס, האָט דער פאַרוואונדעטער וואָלף געדרייט זיך אַפֿן אָרט פֿאַר ווייטיק, נאָר פּלוצים האָט ער מיט אַ ווילד געשריי געוואָרפֿן זיך אַפֿן ברייווסטרעגער.

גריי האָט דאַן נאָך צוויי מאָל אויסגעשאָסן און אַוועקגעלייגט אים אַפֿן אָרט. און גוט געטאָן, וואָס ער האָט עס פֿלינק געמאַכט, ווייל דער דריטער וואָלף איז שוין אינגאַנצן גרייט געווען פֿון הינטן אָנצופאַלן אַפֿן ברייווסטרעגער. דערזעענדיק אָבער דעם גורל פֿון זיין כאַווער, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן, און דאָס האָט גרייען אַרויסגעראַטעוועט פֿון זיינע ציינער.

דאַן איז דער וואָלף אָפּגעלאָפֿן אָן אַ זייט און לאַנגזאַם געגומען וואָיען. דאָס איז גרייען נים געפֿעלן געוואָרן. ער האָט גלייך פֿאַרשטאַנען, וואָס דערפֿון קען אַרויסקומען.

— אַ, נים געדאַכט זאָלסטו ווערן!—האָט ער אויסגעשריען—ועסטו נים שטיל ווערן, וועלן אַהער אַלע וועלף פֿון דער גאַנצער געגנט זיך צוזאַמענלויפֿן.

גריי האָט זיך אָנגעצילט אין וואָלף, נאָר יענער האָט פֿלינק באַהאַלטן זיך הינטער אַ בוים און ווידער געוואָיעט. קעדיי מאַכן דערצו אַ סאָף, האָט גריי אין אים עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן, צוליב די ביימער אָבער האָט ער נים געטראָפֿן. און פֿאַר דער צייט, וואָס דער ברייווטרעגער האָט זיין רעוואָלווער ווידער אָנגעלאָדן, איז דער וואָלף פֿאַרשוווּנדן.

איבער דער פֿאַרטיפֿונג האָט זיך צושפּרייט אַ טוי, נאָך וועלכן עס קומט, געווייַנטלעך, אַ שטאַרקער נעפּל. דער האָריזאָנט איז ביסלעכווייז בלויגרין געוואָרן. די לופֿט איז קיל געוואָרן.

— עס ווייזט ווידער אַף אַ פֿראָסט,—האָט גריי געזאָגט—עס מאַכט אָבער נים אויס: וועל איך מיר צואיילן אַביסל. מע דאַרף נאָר וואָס גיכער צולויפֿן צום הייזל, וואָס באַ דער צענטער מייל, עמעס, אַ הייזל—אַ כורווע שוין, דאָך בעסער איידער גאָרנישט.

ער האָט זיך ווידער געווענדעט מיטן פּאָנים צו מאַירעוו און געלאָזט זיך אין וועג. פּלוצים אָבער האָט ער דערפֿילט, אַז עפּעס קומט מיט אים פֿאָר: די זיכערקייט איז אַוועק, ער טראַכט גאָר פֿון סאָקאָנעס, פֿון וועלף... און ווי דערשיסט ער עס נים דעם דריטן וואָלף? אַזאַ שאָד!

II. מ ע י אָ ג ט!

ס׳איז פֿינצטער געוואָרן, אָבער אַפֿן הימל האָט זיך די לעוואָנע בעוויזן, און אַכוץ דעם האָבן די שטערן אזוי העל געלייכט, אַז דעם וועג האָט מען גוט געזען. דער פֿראָסט האָט זיך קעסיידער געשטאַרקט, אונטעריאָגנדיק דעם ברייווטרעגער, וועלכער האָט אַלץ גיכער און גיכער געטראָגן זיך אַף זיינע ליזשעס. דער שניי-פּליין איז אַלץ וויסטער געוואָרן. ביזן אלטן הייזל איז נאָך אַ צוויי מייל וועג געבליבן. דאָס הייזל, עמעס, קוים עס האַלט זיך, דאָך אונטער אַ דאָך,—וועט זיין אַף נאַכט ווי דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן.

דער בריוּוּסטרעגער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איינגעהאָרכט זיך. פֿון אַלע זייטן ארום אים—הילע קוסטעס און ביימער. פֿונוויטן האָט ער פֿאַרנומען אַזוי ווי אַ געשריי פֿון ווילדע גענדז. פֿונוואַנען אָבער קומען אַהער גענדז אין דערדאָזיקער צייט פֿון יאָר? ניין, עס איז ניט דאָס, קעדיי בעסער צו הערן, האָט ער אַראָפּגענומען די פֿוטערנע היטל מיט די אויערן-לאַפּן און ווידער איינגעהאָרכט זיך. יע, איצט הייס ער שוין אַף זיכער: דאָס האָבן וועלף גע-וואָיעט, און ניט צוויי און ניט דריי--נאָר אַ גאַנצע כאַפּטע.

— זיי האָבן מיך אויסגעשפּירט!—האָט גריי געזאָגט און, קלאָר איז, אַז נאָר איילִיקייט קען אים אַרויסראַטעווען פֿון די הונגעריקע וועלף. ביזן הייזל איז נאָך בא א האלב מייל וועג געבליבן. אַהין מוז ער קומען פֿריער איידער די וועלף, אַ פֿראַגע נאָר—צי וועט ער עס באַווייזן?

— נו, לעבעדיקער, באַב גריי!—האָט ער אויסגעשריען—איצט דאַרפֿסטו רעקאָרד שלאָגן!

און דער בריוּוּסטרעגער האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט גרויסע „ליושעס-טריט". אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם לאַנגן בעמבענעס ליושעס-שטעקן מיט אַ שאַרפֿן אייזערנעם שפּיץ.

די כאַפּטע וועלף האָט זיך שנעל דערנעענטערט. אַלץ נעענטער און דייטלעכער האָט זיך געהערט דער וועלפֿישער וואָיען. זיי אַליין האָט מען נאָך ניט געזען, ווייל זיי זיינען אָנגעקומען פֿון הינטער די בערגלעך. און אָט איז אויך דאָס הייזל נאָענט.

— אָנו, באַב גריי, נאָך אַ ביסעלע גיכער! דאָס הייזל איז דיין רעטונג.

עפּעס האָט אים אונטערגעזאָגט אַ קוק צו טאָן הינטער זיך. דעם בריוו-טרעגער האָט זיך אויסגעדוכט, אַז הינטער זיך, שוין גאָר נאָענט, פֿילט ער דעם הייסן אָטעם פֿון די כאַיעס. האָט ער זיך אומגעקוקט—אַזוי איז עס, דאָס זיינען טאַקע די וועלף. און אַזוי פֿיל!

— נאָך גיכער, באַב גריי! נאָך א צוויי צי איין הונדערט יאַרד,—און דו באַהאַלטסט זיך אין הייזל, בלייבן די וועלף דאָן בא גאָרנישט.

פֿאַר זיך זעט ער שוין דייטלעך די קאָנטורן פֿון הייזל. וועט ער באַ-וויזן באַצייטנס צוצולויפֿן, צי ניט? אַלע זיינע אָדערן און נערוון האָט ער אָנ-געשטרענגט. נאָר טלויזים האָט ער, נעבן זיך שוין, דערהערט א הויכן וועל-פֿישן געבריל. קלאָר, אַז דער אָנפֿירער פֿון דער וועלפֿישער מאַכנע העריאָגט אים שוין. האָט ער אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער, גרייט צו קעמפֿן אַף טויט און אַף לעבן—אַזוי לייכט וועט עס זיי ניט אָנקומען!

אָפֿן רוקן האָט ער געטראָגן די צונויפֿגעוויקלטע ביזאָנען-פעל, וועלכע האָט אים געשטערט צו לויפֿן. קעדיי צו פֿאַרלייכטערן זיך דאָס אַנטלויפֿן און פֿאַריינס אויך אָפּצונאַרן דעם וואָלף און געווינען דערביי צייט, האָט ער אין גאַנג אַ וואָרף געטאָן די פעל און מיט אַלע קויכעס געלאָזט זיך לויפֿן.

לעכאַטכילע האָט דער אַלטער אָנפֿירער פֿון די וועלף גענומען צופֿן די פעל, הייסט עס—דער שפּיצל האָט זיך איינגעגעבן, ניט לאַנג אָבער האָט עס געדויערט. די כיטרע כאַיע האָט גיך געכאַפּט זיך, אַז מע האָט זי גענאַרט, האָט

זי צורו געלאזט די פעל און ווידער—נאָכן צוויפיסיקן סוינע, און באלד האָט ער גרייען ווידער דעריאָגט און מיט אַ שפרונג געוואָרפן זיך אף אים.

מיט אן אויסערגעוויינטלעכער פלינקייט—פון דעם הענגט אָפּ זיין לעבן!— האָט גריי אַ דריי געטאָן זיך און מיטן שארפן אייזערנעם שפּיץ פון זיין ליזשעס-שטעקן האָט ער געשיקט און הפּסיק א זעץ געטאָן דעם וואָלף, דורכשטעכנדיק אים דעם האלדז, די ווונד אָבער איז ניט קיין שטערבלעכע געווען.

דער וואלף איז אומגעפאַלן אפן שניי. היזעריק געכריפּעט, און כאָטש ער האָט זיך ווידער אף די פיס געשטעלט, דאָך האָט ער שוין גיין ניט געקענט.

דערווייל האָט גריי באוויזן דורכצולויפן נאָך א שטיקל וועג און אינגאנצן עטלעכע טריט איז אים געבליבן צו דערגרייכן זיין ציל. נאָך אַ ווײַלע, און ער איז געראטעוועט.

נאָר גראד דאָ האט זיך אומגעריכט פאר אים באוויזן אַ צווייטער וואָלף, גלייך נאָך אים איז א דריטער געלאָפן.

גריי האָט זיך ווידער פארמאָסטן מיט זיין שארפן שטעקן און געטראָפן דעם צווייטן וואָלף אין ברוסט. בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן פון דער טיפער ווונד, גריי האָט טייקעף אַ צווייטן קלאַפּ געטאָן, דאָס מאָל צילנדיק גלייך אין קאָפּ. איי-נס! דער צווייטער וואָלף איז געבליבן מיט אַ צושפּאָלטענעם שאַרבן.

גריי האָט דאַן אַ שפּאַן געטאָן צו דער טיר און איז שוין אף דער סאַמע שוועל געווען, ווען אַף אים איז דער דריטער וואָלף אָנגעפאַלן און מיט די ציינער פאַרפאָרן אים אין פעלץ.

גריי האָט זיך אַפילע ניט אומגעקוקט, נאָר צוזאַמען מיטן וואָלף אין הייזל אַרײַנגעשפרונגען, פאַרהאַקט און פאַריגלט די טיר.

אין הייזל איז געווען ניט אינגאַנצן פינצטער: אין פענצטער האָט די לעוואָנע אַריינגעשיינט. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ פירקאַנטיקער אויוועלע.

צווישן מענטשן און אַריינגעשפרונגענעם וואָלף האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטער קאַמף ניט אַף לעבן, נאָר אַף טויט. עס האָט אויסגעוויזן, אַז די כאַיע, אַריינפאַלנדיק אין אַן אומבאַקאַנטן אָרט און אויסערגעוויינטלעכער סיטואַציע, וועט זיך אָביסל פאַרלירן, דאָס האָט אָבער ניט פאַסירט. מיט אַ ווילד געשריי, מיט א ברייט געעפנטן פּיסק האָט דער וואָלף געוואָרפן זיך אַף גרייען. מיט ווילדער רעציכע האָבן געשאָסן זיינע גרוי-גרינע אויגן.

דער בריוטרעגער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרמעסטן זיך מיט זיין שאַרפן שטעקן, האָט ער אים אויסגעשטרעקט פאר זיך, גרייט צום קאמף. מיט גרימצאָרן האָט דער וואָלף איינגעטשעפּעט זיך מיט די ציינער אינם שטעקן, גריי אָבער האָט אים אָפּגעשליידערט, דאַן האָט דער וואָלף אַ שפרונג געטאָן און מיט די פאָדערשטע לאפּעס אָנגעכאַפּט אים בײַ דער ברוסט. גריי האָט ווידער גענומען אויבעטן מיטן שטעקן, נאָר יענער האָט ניט אויסגעהאַלטן און צובראָכן זיך.

דאָ האָט גריי מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט דעם וואָלף פאַרן האַלדז און גענומען אים שטיקן. דער וואָלף האָט, מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג פון צווישן די געלע אויסגעשטשירעטע ציין, פאַרביסן געקעמפט און געריסן זיך

דא האט ג... מיט בײדע הענט אנגעכאפט דעם ייִנגל פאר האלדז און געשטיקט
אים [illegible].

פֿון זײַנע הענט, נאָר דער מענטש האָט אים אַלץ פֿעסטער און פֿעסטער געשטיפּט. איבער דער גאַנצער שטוב האָבן זיי זיך אומגעוואַלגערט, נאָר אַט [illegible] שוין דער וואָלף. זײַן גאַנצער קערפּער האָט אָנגעהויבן צו צוקן אין קראַמפּן. גריי אַליין אָבער איז אויך אָן קויכעס געבליבן. אויב דער וואָלף וועט נאָך אַביסל איבערהאַלטן און ניט פּייגערן, קען נאָך דער אָפּגעשוואַכטער מענטש דעם קאַמף אָפּגעבן און די פֿינגער אָפּצאַן, און דאַן... וועט דער מענטש אומקומען און יעו... אַזוי נאָענט שוין באַם זיג!

אָבער ניין! אַ צווייטע אײַלע וואָלט עס געווען! נאָר עטלעכע מאָל געפּרוּווט זיך אַרויסרײַסן זײַן דורך די אײַזערנע פֿינגער פֿאַרקראַמפּטן האַלדז. נאָר אומזיסט די אָנשטרענגונגען. די אויגן זײַנען אים פֿון שטערן פֿײַן אַרויסגעקראָכן און די אָנגעלאָפֿענע קראַגן האָבן אָפּגעלאָזט. באַלד האָט ער שוין קיין סימן פֿון לעבן ניט געווען.

האַסטיק האָט גריי אָפּגעהויבן דעם וואָרף און מיט זײַן ריזי איז א ווײַך געטאָן אַ קאַנט פֿון אויג. דער רוקן-ביין האָט א טראַסק געטאָן און גע-פּלאַצט. דער קאַמף האָט זיך געענדיקט. די כאַליע איז געפּײַגערט. געווונען האָט דער מענטש!

III. אָן אַן אויסוועג!

אַז גריי איז נאָכן געראַנגל אַביסל צו זיך געקומען, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די יעדע יאָרן באַם הייל ער האָט זיך נערווען צעראַכט. אַראָפּגענומען די פֿײַערנע הויט און אָפּגעווײַשט דעם שווייס פֿון שטערן.

און דאָס הייסט געפֿעכטערײַ! האָט ער געזאָגט פֿערשטע מאָל מאַכט זיך מיר אַזאַ הייסער און העפֿטיקער שטורעם. און יעבען שווייס האָט עס מיר אַרײַנגעטריבן.

דער קאָפּ האָט בא אים געצייטערט, אים אויגן האָט געוואָרפֿן אויי ייי אין פֿיבער. די געדאַנקען אין קאָפּ האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אויי ייי אין ריין און דער גאַנצער קערפּער איז ייי אָפּגעמאַטערט געוואָרן. דער פּעלץ אין די הייזן צעריסן און שטיקלעך. פֿון די שראַמען וואָס דעם וואָלפֿס ריאַלן האָבן איבערגעלאָזט איז בלוט גערינען. ביז גריי האָט ער אויסגעמיטן דעם וואָלפֿס גרויסע ציינער. און נעבן אים איז געלעגן דער באַזיגטער, טויטער וואָלף מיטן איבערגעבראָכענעם רוקן-ביין.

דאָס וואָלט אין מײַן אייגענעם הייל האָבן אים דערמאָנט אָן דער שרעקלעכער ווירקלעכקייט.

האַ! האָט ער אויסגעשריען ווען אויך האָב איך פֿאַרגעסן? לאָמיר נאָר באַטראַכטן, וואָס מיר האָבן איצט צו טאָן.

גריי האָט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטערל. ער האָט דערזען אַזאַ בילד פֿון וועלכן באַ יעדן איינעם וואָלט קאַלטער שווייס געוואָרן אָפּן האַרצן.

באַ צוואַנציק טריט אָפּגערוקט פֿון הייזל, זײַנען אין א ברייטן האַלב-קרײַז געזעסן און געלעגן איבער אַכציק אויסגעמאָגערטע וועלף. אייניקע פֿון

זיי זיינען אומגעלאָפֿן פֿאַרהאַוועט אַרום דעם הייזל. אין דער נאַכט פֿינצטער-
ניש האָבן זייערע אויגן געפֿינקלט מיט אַ בלאַס פֿאָספֿאָר-שיין.
גריי האָט אָנגעלאָדן זיין רעוואָלווער מיטן רעשט קוילן און געפֿענט די
טיר.

דערזעענדיק אים, זיינען די וועלף אומרויִק געוואָרן: זיי האָבן זיך
ענגער צונויפֿגעזאַמלט און נעענטער צום הייזל צוגערוקט זיך. זיין באַווייזן
זיך אין טיר האָט זיי ניט פֿאַרשמעקט און ניט פֿאַרשטענדלעך געווען. עפּעס
גרייט ער זיך עפּעס אַ שפּיצל אָפּצוטאָן זיי. אַזוי זעט עס אויס. וואָרעם ווו
איז אַהינגעקומען יענער העלדישער וואָלף, וואָס איז צוזאַמען מיטן מענטשן
אין הייזל אַריינגעשפּרונגען?

— עך, פֿאַרכדאָנים, וואָס איר זייט!—האָט גריי אויסגעשריען—נאָר איי-
נער צווישן אייך איז געווען אַן עכטער וואָלף. וואָס האָט פֿאַרדינט זיין
נאָמען, יענער אָבער ליגט שוין אַ טויטער.
דאָ האָט ער אויפֿגעהויבן אַ סומל, אַ האַרמידער. איינער אַ הויכער,
אַ דאַרער וואָלף האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס און מע-
שוגענערווייז גענומען זיך דרייען, סטאַרענדיק זיך מיט דער מאָרדע צוצוקו-
מען צום פֿאַרווונדעטן אָרט. אַסאַך בעסער וואָלט ער אָפּגעשניטן, ווען ער
ווייזט ניט אַרויס פֿאַר זיינע כאַווערים דעם אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפֿן.
איצט האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז פֿאַרווונדעט, און מיט אויסגעשטשי-
רעטע ציין געוואָרפֿן זיך אויף אים. די וווּנד איז אַ לייכטע געווען—נאָר די
פֿעל דורכגעשאָסן—און פֿאַר אַן אַלטן וואָלף איז עס אַ נאַרישקייט. ער האָט
אויפֿגענומען דעם קאַמף און, מע דאַרף זאָגן, פֿאַרטיידיקט זיך העלדיש. איין
יונגן וואָלף האָט ער אָנגעכאַפּט פֿאַ־ן האַלדז, אַ הויב געטאָן אינדערהויך און
אַ זעץ געטאָן אָן דער ערד. דערנאָך האָט ער געכאַפּט אַן אַלטן, שוואַרצן
וואָלף פֿאַרן נאַקן און מאָמענטאַל צעביסן. גלייך נאָך דעם האָט ער זיך אַ קער
געטאָן, פֿלינק געכאַפּט אַ דריטן און טייקעף אָפּגעלייגט אים אויף קאַלט. דאָך
האָבן די וועלף סאָפּקאָלסאָף באַזיגט זייער פֿאַרווונדעטן כאַווער—זיי האָבן
גענומען מיט זייער גרויסער צאָל. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיינע ביי-
נער געקנאַקט שוין צווישן די ציין פֿון די הונגעריקע און צעווילדעוועטע
כאַיעס.

אַ שטאַרק אויפֿגערעגטער האָט גריי צוגעקוקט זיך און געטראַכט, אַז
דאָס לעבן פֿון יעטווידן איינציקן וואָלף איז גאָרניִשט ווערט דאַן, ווען די
גאַנצע מאַכנע וועלף איז הונגעריק.

— נו, כעוורע, מער קאָרמענען אייך וועל איך ניט—האָט ער געזאָגט,—
צוּ ווייניק קוילן האָב איך איצט. איז—האָט מיר און בלייבט מיר—ביז אַ
צווייטן מאָל.

אָבער ניט נאָר אין דער צאָל קוילן איז עס אים געגאַנגען: אינדערע-
מעסן איז אים איצט ניט צום שיסן געווען. אומזיסט האָט ער קוראַזש גע-
מאַכט—ער אליין האָט זיך זייער שלעכט געפֿילט. דער קאָפּ האָט געשווינדלט,
אין האַלדז האָט איבערגעטריקנט—ער האָט גענומען אַ הויפֿן שניי אין מויל,

ס׳איז שטיל, לעוואָנעדיק און גוט געווען. שוין שפּעט געווען, גריי האָט אָבער פֿאַרלאָרן דעם כעשבּן פֿון דער צייט. עס האָט אים שטאַרק געצויגן צום שלאָף. נאָך דער אויסערגעוויינטלעכער איבּרעגונג איז די רעאַקציע געקומען. שלאָפֿן אָבער טאָר מען ניט: די וועלף זיינען כיטרע, איז טאָמער שטויסן זיי זיך אָן און רייסן זיך אין הייזל אַריין.

איז ער ווידער צוגעגאַנגען צו דער טיר און ארויסגעקוקט. ס׳איז שוין גוט ליכטיק געוואָרן, און די וועלף האָבן זיך נאָך נעענטער צוגערוקט אַזוי, אַז ער האָט זיי אַלעמען גוט געזען.

רעכטס אַף א קליין בערגל איז געזעסן אַן אלטער וואָלף, זייער אַ געוויקסיקער און אַ דאַרער. צום הייזל האָט ער זיך אַמנאָענטסטן צוגערוקט. געקומען אַהער איז ער, קענטיק, שפּעטער פֿון אלעמען, און גריי האָט זיך, ניט ווילנדיק, מיט אים שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. דער וואָלף האָט בא אים ווי ניט נויסע־כיין געווען — ער האָט זיך מיט עפּעס באַזונדערס אויסגעצייכנט פֿון אַלע איבעריקע — און איז אים ווי קענטלעך געווען. ער איז איינער פֿון די אָנפֿירער מיט דער מאַכנע. די וועלף האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט אַ געוויסן אָפּשיי און דערכערעך. מע זעט גלייך, אַז ער וועט זיך לייכט אַן אייצע געבן מיט אַ האַלבן טוץ אַנדערע וועלף.

דערדאָזיקער וואָלף האָט זיך אויך אַנדערש געהאַלטן. ער האָט ניט אָנטייל גענומען אין די נערוועזע, אומרויִקע באַוועגונגען פֿון די איבעריקע וועלף, ער האָט אויך ניט געענטפֿערט אַף זייער כאַניפֿעדיקן אונטערלעקן זיך.

— אַ מאָדנער וואָלף! — האָט גריי געטראַכט, ניט אַראָפּנעמענדיק פֿון אים דעם בליק. אַ היפּש ביסל קאַמפֿן האָט ער, רעכן איך, שוין דורכגעמאַכט אין זיין לעבן, — אַ הונדערט אַוואַדע.

דאָ האָט דער וואָלף זיך געשטעלט און, אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ, אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם בריוו־טרעגער. בא גרייען האָט דורכגעבליצט אַ געדאַנק.

— אַהאַ, איצט פֿאַרשטיי איך שוין! — האָט ער געזאָגט, — דו ביזט ניט קיין ייכעסדיקער וואָלף, אָט וואָס! דו האָסט אין זיך בלוט פֿון אַ וועלכן ס׳איז שאָפּ־הונט אָדער וואָלף־הונט. דערפֿאַר טאַקע זעסטו אויך אויס אַסאַך קליגער פֿון אַלע דיינע כאַווייריִם. אַ שאָד דיך צו־האַרגענען. טראָג זיך בעסער אָפּ פֿונדאַנען געזונטערהייט.

דער גרויסער וואָלף האָט רויִק און ערנסט געמאַכט א פּאָר טריט פֿאָרויס און, ווי פֿאַרווּנדערט, אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם מענטשן: ווי צווייפֿלענדיק און ווי אויסוואַרטנדיק. זיין בליק איז געווען ניט קיין פֿיינטלעכער. ער האָט פֿון עפּעס געטראַכט און איבערגעקלערט און, עפּשער געסטאַרעט זיך עפּעס דערמאָנען, שטאַרק באַשמעקנדיק די לופֿט. דער ווינט אבער האָט געבלאָזן ניט פֿון גרייס, נאָר פֿון דער אנטקעגנדיקער זייט.

דער מענטש און די כאַיע זיינען געשטאַנען איינער קעגן דעם צווייטן, שווייגנדיקע, ערנסטע און פֿאַראינטערעסירטע.

מיט אַ פריידיקער בילעריי האָט דער האַלב־וואָלף געוואָרפן זיך צו אים, געלייגט זיי
קאָפּ אפן ברוסט און האָט אים גענומען לעקן דעם פּנים, די הענט...

— ס'איז קלאָר האָט ענדלעך׳ גריי געזאָגט—בא דעמדאָזיקן וואָלף האָט אויפֿגעוואַכט דעם זיידעס אָדער אורזיידעס אינסטינקט, און ער האָט זיך דערמאַנט אָן דער אַמאָליקער נאָענטקייט צום מענטשן. און אים, הייסט עס, דאַכט זיך, אַז ער האָט מיך אַמאָל געקענט... אָבער ווי שטאַרק מיך ציט צום שלאָף... מע דאַרף זיך צולייגן

ער האָט פֿאַרמאַכט די טיר, פֿעסט פֿאַרריגלט, איינגעוויקלט זיך אין פעלץ און שטאַרק איינגעשלאָפֿן.

IV. אַן אַלטער פֿריינט.

עס כאָלעמט זיך גרייען; אים שטעלט זיך פֿאָר זיין יוגנט. מיט יאָרן צוריק האָט ער געהאַט אַ הינטל, אַן אָפּשטאַמלינג פֿין אַ וואָלף מיט אַ הונט. אַז דער הינטל איז קראַנק געוואָרן, האָט אים גריי אַזוי לאַנג געהיילט, ביז ער איז געזונט געוואָרן. די דאַנקבאַרע כאַיע האָט זיך דערפֿאַר שטאַרק צוגעבונדן צו גרייען, לאַנג געלעבט בא אים און איז אויסגעוואַקסן זייער אַ הויכער און אַ שטאַרקער. גריי האָט אים א נאָמען געגעבן „סענדוי“. דער הינט האָט אַזוי ליב געקראָגן זיין באַלעבאָס, אַז ער פֿלעגט פֿון אים אַף קיין טראָט ניט אַוועקגיין, און אַליין איז ער געווען דער רעדלפֿירער באַ אַלע הינט פֿון דער גאַנצער געגנט. סאָפּקאָלסאָף האָט די וועלפֿישע בלוט אין אים געזיגט, און איינמאָל איז סענדוי פֿאַרשוווּנדן.

וועגן דעם אַלעם האָט גרייען דערמאָנט דער כאָלעם, וואָס האָט לאַנג געדויערט. אַז דער בריוועטרעגער האָט אופֿגעוואַכט, איז שוין גרויסער טאָג געווען, אָפֿן דאַך האָט זיך דער שניי געשמעלצט, און די טראָפּנס וואַסער האָבן דורך אַ גרויסער לאָך געקאַפּעט אָפֿן דיל.

— ווי מאָדנע, וואָס פּלוצים האָט זיך מיר סענדוי געכאָלעמט,—האָט גריי געטראַכט.

ער האָט א קוק געטאָן אין פֿענצטער; כאָטש עס איז פֿאַרפֿראָרן געווען, דאָך האָט ער געזען, אַז די וועלף זיינען נאָך דאָ. זיי זיינען שרעקלעך הונגעריק געווען און מיט אומגעדולט געוואַרט אָפֿן געשמאַקן ביסן. אַלע האָבן זיי געהאַט דעמזעלביקן ווילדן און בייזן אויסזען. אַף אַ ווײַלע האָט דעם דרייסטן בריוועטרעגער פֿאַרקלעמט אין האַרצן, דאָך האט ער גענומען זיין רעוואָלווער, צוגעגאַנגען צו דער טיר און געעפֿנט זי.

אַף אים האָבן זיך אָנגעשטעלט צענדליקער גרוי-גרינע, ושעדנע אויגן.

גריי האָט אופֿגעהויבן דעם רעוואָלווער און גענומען צילן זיך אין גרויסן, גרויען וואָלף, וועלכער איז געשטאַנען נעענטער פֿון אַלעמען. דער וואָלף ווידער האָט געקוקט אָפֿן בריוועטרעגער מיט זייער אַ מאָדנעם בליק. דער מויל איז באַ אים געווען האַלב אָפֿן, און גריי האָט באַמערקט, אַז זיינע ציינער זיינען ניט אינגאַנצן אַזעלכע, ווי באַ די איבעריקע וועלף. אָט דעם וואָלף טאַקע האָט גריי, ווי עס ווייזט אויס, אין כאָלעם היינט געזען.

מענטש און וואָלף האָבן איינער דעם צווייטן אָנגעקוקט—און פּלוצים
האָט זיך פאַר ביידן דער סאָד אנטפּלעקט.
— סענדוזי!—האָט גרייט אויסגעשריען.—דאָס ביזטו דאָך, סענדוזי!
מיט אַ פרײדיקער.. בילעריי האָט דער האַלבוואָלף געוואָרפן זיך צו אים,
געלייגט זיין קאָפּ צו אים אַף דער ברוסט, האָט איז גענומען לעקן דעם פּאַ-
נים, די הענט...

— —

א שאָ נאָכדעם איז דער האַלבוואָלף-האַלבהונט אַרויס פון הייזל צו ווי-
נע כאַווירים און אַוועקגעפירט די גאַנצע מאַכנע וועלף אין אַלטן, טונקעלן
וואַלד.



איינמאָל, דורכגייענדיק דעם מאַרק אין אסכאבאד*), האָב איך דערזען אַ גרויסן אוילעם ליידיקגייערס, און אַלע האָבן זיי זיך צו איין אָרט געשטופּט. געקוקט האָט מען, ווי עס ווייזט אויס, אויף אַזאַ זאַך, וואָס האָט אַלעמען ווי-ער פאַרכאַפּט, ווייל אַנדערע פּלעגן דורכמאַכן אויסערגעוויינטלעכע אַקראָבאַ-טישע קונצן, אַבי ווי עס איז דורכשלאָגן זיך אינדערמיט. זיי פּלעגן קריכן איינער דעם צווייטן אויף די אַקסלען, געקלאַמערט זיך פאַר די קעפּ, פאַר די האָר פון די פאָדערשטע, שיר נים געזעצט זיך אויף זיי רייטנדיק, אַבי נאָר צו כאַפּן אַ קוק.

דער אוילעם איז באַשטאַנען נאָר פון דאָרט געבוירטיקע: דאָ זיינען גע-ווען די כיטרע פּערסער און צאַבעטייקעס; הויכע ערנסטע טורקמענער אין גרויסע פּאַפּאַכעס; קורדן מיט טונקעלע אָנגעכמורעטע פּנימער, אָנגעטאָן אין בונט-קאָלירטע שמאַטעס. זיי טאַקע האָבן עס, אָפּשטויסנדיק אַלעמען, אַליין פאַרכאַפּט די גרעסטע צאָל בעסטע ערטער.

געמיינט האָב איך, אַז אַ זשוליק, אַוואַדע, נאַרט עס אָפּ מיט זיינע קונצן דעם אוילעם-גוילעם, און געוואָלט גלייך פאַרבייגיין, אָבער אַ פּלוצים-דיקער ווילדער געשריי האָט מיך אָפּגעהאַלטן. דער אוילעם האָט זיך געוויגט, געהודזשעט. די מענטשן פון די ערשטע רייען האָבן, ווי ווילדע, געמאַכט מיט די הענט, געשריען. טויב צו ווערן. איינער אַ קורד איז אַראָפּגעשפּרונגען פון צווייטנס אַקסלען, אָפּגעשטעלט זיך נעבן אַ הויכן טעקינעץ, און סטאַרענדיק זיך עפּעס אים דערקלערן, האָט ער מיט די הענט און מיט די פינגער קאָ-לערליי קונצן געמאַכט; דאָ האָט ער מיט איין האַנט די צווייטע געכאַפּט, דאָ האָט ער מיט די פינגער די ערד באַטאַפּט, באַגלייטנדיק די באַוועגונגען מיט הויכע אויסגעשרייען און דערביי פייערלעך געקוקט אויף דעם ערנסט-אויפמערק-זאַמען טעקינעץ.

באַלד איז שטיל געוואָרן, און דער אוילעם האָט ווידער גענומען שטופּן זיך. איך בין דאַן נעענטער צוגעגאַנגען און געפּרוווט דורכשטופּן זיך פאָרויס.

*) אסכאבאד — אַ שטאָט אין טורקמעניסטאַנער סאָציאַליסטישער סאָוועטן-רעפּובליק.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ פעסטע וואַנט פון מענטשלעכע קערפערס.

אָבער ווי! געטראָפֿן דעם אָרט!—פֿאַר מיר איז געשטאַנען אַ פֿעסטע וואַנט פֿון מענטשלעכע קערפּערס.

אַרויסגעהאָלפֿן האָט מיר איינער אַ הויכער קורד, וועלכער איז גראָד דערביי געשטאַנען. ער איז צוגעגאַנגען, געטאַינעט עפּעס אַף זיין, פֿאַר מיר אומפֿאַרשטענדלעכן, לאָשן, דערנאָך אויסגעשטרעקט זיין האַנט און איבערצייגנדיק אויסגעגלאָצט די אויגן. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, וואָס ער מיינט דערמיט צו זאָגן... און איך בין אים נאָכגעגאַנגען. צוויי מאָל זיינען מיר אַרומגעגאַנגען דעם אוילעם. דער קורד האָט עמיצן געזוכט. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָן צערעמאָניעס אָפּגעשלעפּט פֿאַרן קאַרק עטלעכע פּערסער און עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן דעם קורד פֿון דער פֿאָדערשטער ריי.

צווישן אוילעם אינדערמיט איז געשטאַנען אַ גרויסער קאַסטן פֿון פּרוכטן, אַף אים אַ ברייטער גלעזערנער סלוי, צוגעדעקט מיט אַ ברעטל. אַף זיין דעק זיינען געזעסן אַ סקאָרפּיאָן און אַ פֿאַלאַנגע, ביידע בייזע און אָנגעכמורעטע. מע האָט דעמאָנסטרירט אַ קאַמף פֿון אָט די צוויי קליינע עקלהאַפֿטע פֿאַרזעענישן.

ניט ס'ערשטע מאָל קומט מיר אויס צו הערן יועגן דעמדאָזיקן גרויזאַמען און זייער אינטערעסאַנטן געראַנגל. זען אָבער איז פֿאַר מיר אַ נייס געווען. מע דערציילט, אַז אַמאָליקע צייטן איז דער געשלעג צווישן סקאָרפּיאָנען און פֿאַלאַנגעס געווען באַ די קורדן און טעקינצעס איינע פֿון די פֿאַרשפּרייטסטע און באַליבטסטע שפּילן. דער כאַן אַליין האָט פֿון איר געהאַלטן. שפּעטער, אַז דעם כאַנס מעלוכע איז* צו די רוסן אַריבער, איז די שפּיל פֿאַרגעסן געוואָרן, און די לעצטע צייטן טרעפֿט זי זיך זייער זעלטן.

ניט אָפּרייסנדיק די אויגן פֿון סלאָיק, האָב איך אָנגעשטרענגט צוגעקוקט זיך צו די קעמפֿער. די פֿאַלאַנגע האָט געהאַט באַזונדערע מאַילעס צוליב איר גרויסער קראַפֿט און פֿלינקע באַוועגונגען. זי איז אין צוויי מאָל גרעסער פֿון סקאָרפּיאָן און איז ענלעך געווען צו אַ ריזיקן גלאַדיאַטאָר*), וועלכן דער שווערער פּאַנצער האָט פֿונדעסטוועגן ניט געשטערט בליצשנעל אָנצופֿאַלן אַפֿן סוינע. זי האָט אָבער געהאַט אויך גרויסע כעסרוינעס: דריי פֿערטל פֿון איר קערפּער איז אומבאַשיצט געווען פֿאַר דעם סוינעס קלעפּ. דער פּאַנצער האָט באַשיצט נאָר דעם פֿאָדערטייל פֿון איר שרעקלעך-גרויסן קאָפּ.

אין דעם זין איז דער סקאָרפּיאָן בעסער באַוואָפֿנט געווען. אַזוי ווי אַ קליינער מיטלאַלטערלעכער ריטער איז ער קימאַט אינגאַנצן פֿאַרפּאַנצערט געווען אין אַן אומדורכדרינגלעכן שטאָל.

פֿינקלענדיק מיט זיינע פֿינף פּאָר קליינע רויבערישע אויגעלעך, האָט ער דראָענדיק באַוועגט מיט די גרויסע קלעמצוואַנגען אין דער זייט פֿון דער פֿאַלאַנגע. זיין שרעקלעכן גיפֿטיקן עק האָט ער געהאַלטן, מאַיסע שווערד, איבערן קאָפּ. שלאַכטפֿאַרטיק איז ער געזעסן און געוואַרט אַפֿן אָנפֿאַל.

די פֿאַלאַנגע האָט זיך אויך ניט באַוועגט. פֿון צייט צו צייט נאָר פֿלעגט זי אויפֿהייבן אינדערהויך איר פֿאָדערשטע פּאָר פֿילהערנער, און איר גרויסער קאָפּ מיט די מעכטיקע פּעטש-צוגיפֿגעוואַקסענע מוילביינער האָט זיך באַוועגט

*) גלאַדיאַטאָר—קעמפֿער אין רוימישן צירק.

דאָ אַהער, דאָ אַהין. צוויי גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן געפֿלאַמט מיט אַן אומגעדולדיק ציטערדיקן פֿייערל.

דעם סקאָרפּיאָן אָבער האָט שוין דערעסן דאָס וואַרטן. האָט ער אָנגעהויבן פּאַמעלעך און פֿאָרזיכטיק צו רוקן זיך פֿאָרויס, דערביי האָט ער ברייט צעשפּרייט זיינע קלעמצוואַנגען און לייכט פֿאַרוואָרפֿן דעם עק אַף הינטערצו. די פֿאַלאַנגע האָט מיט דערזעלבער גיכקייט גענומען קריכן צוריק. זי האָט אָפּגעטראָטן. דאָס האָט געדויערט ניט מער ווי איין מינוט. דערביי האָבן זיי געמאַכט עטלעכע קרייזן איבערן דעק-ראַנד פֿון גלעזערנעם סלאָיק, נאָר דער מעהאַלעך צווישן זיי האָט זיך ניט פֿאַרקלענערט.

פּלוצים האָט די פֿאַלאַנגע אָפּגעשטעלט זיך, צוגעדריקט זיך מיטן בייכל און ברוסט צום גלאָז. אין דעם מאָמענט איז דער סקאָרפּיאָן ווייט געווען, פֿונקט קעגנאיבער אַף דער אַנטקעגנדיקער זייט פֿון גלעזערנעם קרייז.

די פֿאַלאַנגע האָט דין און שאַרף אַ פֿייף געטאָן און געוואָרפֿן זיך אַהין. און געשען איז עס בליצשנעל. זי האָט ווידער און העכער אַ צישע געטאָן און אָפּגעשפּרונגען אַן אַ זייט פֿון סקאָרפּיאָן, אָבער ניט מער ווי אַף אַנדערטהאַלבן דוימען. ווייטער שפּרינגען האָט זי שוין ניט געקענט, דער סקאָרפּיאָן האָט מיט זיין רעכטער קלעמצוואַנג איינגעקלעמט איר פֿאָדערשטן לאַנגן פֿילהאָרן. מיט אַ פֿאַרצווייפֿלטן און פֿאַרביטערטן ציִשן האָט זי זיך געריסן, דער סקאָרפּיאָן אָבער האָט פֿעסט געהאַלטן.

נאָר דער סקאָרפּיאָן האָט אויך אומזיסט פֿאַריסן, אויסבויגנדיק דעם גוף, זיין שטעכלעכן עק: טרעפֿן אין ווייכן טייל פֿון דער פֿאַלאַנגעס קערפּער האָט ער ניט געקענט. פֿון אָנשטרענגונג האָט זיך זיין לאַנגער גלידערדיקער קערפּער אויסגעבויגן אין אַ רינג. די פֿרייע „האַנט" מיט דער קלעמצוואַנג האָט זיך אויסגעצויגן און געבליבן פֿאַרגליווערט. פֿיר פּאָר פֿיס האָבן זיך ווי צוגעקלעפּט צום גלאָז.

פּלוצים האָט די פֿאַלאַנגע אַ וואָרף געטאָן זיך אַף צוריק און נאָך זיך אַ שלעפּ געטאָן דעם סקאָרפּיאָן. מיט איר שפּינאַרטיק בייכל האָט זי געקלאַפּט אָן גלאָז. דאָס ציִשן האָט ניט אויפֿגעהערט. דריי מאָל האָט זי דעם סוינע געשלעפּט איבער דער גלעזערנער אַרענע, דאַן האַסטיק אָפּגעשטעלט זיך, עטלעכע מאָל אַ ציִ געטאָן צו זיך דעם פֿאַרקלעמטן פֿילהאָרן, דאַן אומגעריכט אַ שפּרונג געטאָן פֿאָרויס און אָפּגעביסן די קלעמצוואַנג, וועלכע האָט זי פֿאַרקלעמט. דער שווער-פֿאַרוווּנדעטער סקאָרפּיאָן האָט אָבער אויך ניט געשלאָפֿן און דעם גינסטיקן מאָמענט ניט פֿאַרשפּעטיקט: מאָמענטאַל האָט ער איר אין רוקן אַרײַנגעשטאָכן זיין שטעכל.

מיט דער קלעמצוואַנג צווישן די ציין האָט די פֿאַלאַנגע אָפּגעשפּרונגען אַן אַ זייט, ס'איז שוין אָבער צו שפּעט געווען. אין אַ רעגע שפּעטער איז זי געלעגן אומבאַוועגלעך. און דער סקאָרפּיאָן, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט, אַזוי ווי ער וואָלט קיין צווייטע קלעמצוואַנג גאָר קיינמאָל ניט געהאַט, איז זיך גאַנץ רויִק מיט זיינע מוילבייניער אַרײַן אין קערפּער פֿון באַזיגטן פֿיינט.

דאָסדאָזיקע צופֿעליקע בילד האָט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק איבערגעלאָזט. עס האָט געכידעשט אָט די בלינדע סינע, וועלכע האָט זיך געפֿילט ניט אין קאַמף גופֿע, נאָר בײַ די קליינע בלוטזויגער.

* * *

סײַ סקאָרפּיאָנען, סײַ פֿאַלאַנגעס האָט מען אין שטאָט זעלטן געטראָפֿן, פֿון יענעם טאָג אָבער בין איך זייער פֿאָרזיכטיק געוואָרן, אָפֿטער צוגעהערט זיך צו די דערציילונגען וועגן סקאָרפּיאָנס שטערבלעכן ביס און פּינקטלעך אויסגעפֿילט אַלע היגע פֿאָרזיכטס-מיטלען אויף צו פֿאַרהיטן זיך.

די אַסכאַבאַדער נעכטיקן מייסטנס אין די סעדער, וועלכע מע טרעפֿט דאָ בײַ יעדן הויז. די מער פֿאָרזיכטיקערע בינדן צו אַ שטעקנס עבן געלעגער, אָדער לייגן צוקאָפּנס אַ שטעקנפֿעל. די איינוואוינער פֿון מיטלאַזיע זײַנען טיף איבערצייגט, אַז שטעקן פֿילן אַ שרעקלעכע סינע צו סקאָרפּיאָנען, פֿאַלאַנגעס, טאַראַנטולן. און דערפֿאַר איז אַפֿילע דער רייעך נאָר פֿון שטעקנפֿעל גענוג, אַז די דאָזיקע קליינע רויבער זאָלן ווייכן דעם אָרט.

אין צוויי וואָכן אַרום, נאָך דעם באַשריבענעם גערעַנגל, איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן אַן אויסערגעוויינטלעכע באַגעגעניש מיט אַ סקאָרפּיאָן. אָט די באַגעגעניש קען איך ניט פֿאַרגעסן. אַלץ, וואָס איך האָב געלייענט און געהערט דערציילן וועגן טרעפֿעניש מיט פֿאַלאַנגעס, טאַראַנטולן און סקאָרפּיאָנען, קען מען ניט פֿאַרגלייכן מיט מײַן טרעפֿעניש. און געשען איז עס אין מיטן כוידעש יון, ווען דעם סקאָרפּיאָנס אַ ביס איז פֿאַר מייסטנס מענטשן שטערבלעך.

געקומען בין איך אַהיים איינס באַטאָג און באַשלאָסן די גאַנצע צייט פֿון דער זון-באַקעניש פֿאַרברענגען אין סאָד. אויפֿן גראָז אונטער ווײַנטרויבן האָב איך זיך אַ געלעגער צוגעגרייט, אײַנגעוויקלט זיך אין אַ פֿייכטן לײַלעך און צוגעלייגט זיך. באַטאָג פֿלעגט קיינער ניט אָנעמען קיין פֿאַרהיטונג-מיטלען, ווײַל די סקאָרפּיאָנען גייען נאָר באַנאַכט אַרויס. דער באַראַן, וועלכן מיר פֿלעגן שטענדיק צובינדן צום נאָענטן בוים, האָט זיך איצט געפּיטערט ערגעץ טיף אין סאָד. די טעג זײַנען געווען שרעקלעך הייסע. אַפֿילע אין געדיכטן שאָטן פֿון די ווײַנטרויבן האָט דער נאַסער לײַלעך אויסגעטריקנט, דורך דעם גרינעם געבלעטער האָב איך אײַנגעקוקט זיך אין די בלויע שטיקלעך הימל, אויף די שלאַנקע שטאַמען פֿון די פּערסיקעס-ביימער, איבערגעלאָכטן מיט די בויגעוודיקע ווײַנטרויבן, די היץ האָט געמאַטערט, און איך האָב אָנגעהויבן אײַנצודרעמלען. פֿון שטויב האָבן זיך דערטראָגן די קוילעס פֿון מײַנע באַלעבאַטים-אַרמענער, און פֿון שכיינעסדיקן סאָד — די קלאַנגען פֿון אַ מאָנאָטאָנעם אַזיאַטישן לידל. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָב איך שוין גאָרנישט געהערט — איך בין געשלאָפֿן.

און ס'כאָלעמט מיר אַ כאָלעם: ערשט שטעלט זיך מיר פֿאָר, אַז איך געפֿין זיך נאָר אויפֿן דעק פֿון טונקל-גרינעם יאַם. פֿאַנטאַסטישע געוויקסן ווײַ-

נען דאָרט פֿאַראַן. זיי נויגן זיך, בויגן זיך אויס און איין, זיי סטאַרען זיך וואָס העכער זײַן, זיי הוידן זיך, וויגן זיך אין גריניִנקן וואַסער, זיי וויקלען מיך, פֿלעכטן מיך און שלעפּן מיט זיך. נאָר אָט איז דאָס בילדל פּאַמעלעך צושווו-מען און באַלד איז אַן אַנדער געקומען. דאָס גרינע וואַסער—עס ווערט אַלץ בלאַסער און בלאַסער און איך זע שוין דערנעבן גרויסע נעפּל-קנוילן פֿון וואָלקנ-דלעך שוועבן. און עס גיט מיך אַ הויב און אַ טראָג, און איך פֿלי און איך יאָג זיך, און איך פֿיל ניט אַפֿילע די כמאַרעס די קילע. אָט פֿליט מיר אַנטקעגן דורך נעפּלדיקע וועגן מיט גיכקייט פֿון ווינטל אַ שוואַרציִנקער פּינטל. און וואָס נעענטער צו מיר, ווערט ער אַלץ גרעסער, גרעסער און, ס'דאַכט מיר, איך זע שוין אַ מאַיסעלע-פֿויגל. איצט פֿליט ער גלייך צו מיר. זײַן אויסער-געוויינלעך לאַנגער שנאָבל האָט אין מײַן ברוסט געצילט. דער פֿויגל איז נאָך העט ווי געווען, זײַן שנאָבל אָבער האָט שוין מײַן ברוסט אָנגערירט. האָב איך געוואָלט אים כאַפּן, אָפּשטויסן פֿון זיך, נאָר די הענט מײַנע זײַנען פֿאַר-זונקען אין די געדיכטע כמאַרעס... בין איך אַ פֿאַרציטערטער געוואָרן. און אָט האָט זײַן שנאָבל מײַן ברוסט באַרירט...

איך האָב געעפֿנט די אויגן. דורך דעם ווײַנטרויבן-געבלעטער האָט דער הימל אַרויסגעקוקט, איבערן קאָפּ האָט געווימלט פֿון פֿליגעלעך-מאַכנעס.

אַז איך האָב אַ קוק געטאָן אַף מײַן ברוסט—בין איך פֿאַרשטיינערט גע-וואָרן. אַף דער אַנטבלויזטער ברוסט איז, האַלב-באַהאַלטן אונטערן ליילעך, געזעסן אַ סקאָרפּיאָן. ניט דעם קאָפּ, ניט די קלעמצוואַנגען האָט מען ניט אַרויסגעזען. פֿון אונטערן ליילעך האָבן אַרויסגעשטעקט נאָר צוויי פּאָר פֿיס און דער לאַנגער עק מיטן העקלדיקן, גיפֿטיקן שטעכל.

האַלטנדיק מײַן אומבאַוועגלעך קערפּער פֿאַר אַ טויטע זאַך, איז ער, עפּעס זוכנדיק, גאַנץ רויִק פֿאַרקראָכן אַהער.

מײַן ערשטער געדאַנק איז געווען — אַ שליידער טאָן אים מיט דער האַנט און אַליין אַנטלויפֿן. דאָס, וואָס ער האָט נאָך ביז איצט מיך ניט געביסן, האָט מיר מוט צוגעגעבן. נאָר גלייך האָב איך מיר געכאַפּט, וואָס פֿאַר אַ גרויסע סכּנה עס שטייט מיר פֿאַר בײַ אַזאַ האַנדלונג. מײַנע הענט זײַנען פֿעסט אײַנגעוויקלט אין נאַסן ליילעך, וועט איין באַוועגונג צו ווייניק זײַן. און קוים פֿאַרזאַם איך, וועט דער סקאָרפּיאָן באַווײַזן אַ שטאָך צו טאָן. וויסנדיק ווי בליץ-שנעל די סקאָרפּיאָנען אַרבעטן מיט זייער עק, וואָלט איך מיט פֿרײַע הענט אַפֿילע אויך ניט געקענט עס טאָן.

אַן אומבאַשרײַבלעכער שרעק האָט מײַן האַרץ פֿאַרקלעמט. מיט קיין זאַך האָב איך ניט געקענט העלפֿן זיך: ניט מיט אייגענער באַוועגונג, ניט מיט הילף-געשרייען. דער מינדסטער ריר אָדער קלאַנג וואָלט מיך אומגע-בראַכט. אַפֿילע ווען מענטשן וואָלטן אַליין געקומען און אָנגעשטויסן זיך וואָס דאָ קומט פֿאָר, — די געפֿאַר וואָלט אַלץ ניט קלענער געוואָרן. פֿאַרקערט, דער סקאָרפּיאָן וואָלט דאַן זיכער אַ שטאָך געטאָן, ווײַל זײַן קאָפּ איז באַ-האַלטן געווען, און ער וואָלט די אָנגעקומענע מענטשן ניט באַמערקט.

געבליבן איין אויסוועג: פֿאַרלאָזן זיך אַף זיין גוטן ווילן, האָפֿן, אַז ער וועט אַליין, גאָרנישט געפֿינענדיק, אַוועקגיין פֿון מיר. מיט אַן איינגע־האַלטענעם אָטעם האָב איך אָנגעהויבן צו וואַרטן, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פֿון דעם אומבאַוועגלעכן עק.

דער סקאָרפּיאָן האָט זיך צוגעטשוליעט און ניט געטראַכט אַפֿילו ווייטער צו זוכן, זיין פּאַנצער פֿון טונקעלן וואַקס־קאָליר איז קוים געווען צו באַמערקן.

מיט די העקל־קראַלן פֿון זיינע קרומע פֿיס האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אָן מיין הויט. דער עק איז אויסגעשטרעקט געווען, און דער שטעכל איז געווען אינגאַנצן אַף איין סאַנטימעטער ווייט פֿון מיין ברוסט.

זייער שווער איז געווען צו וואַרטן. צוליב די אומרויִקע געדאַנקען און שטאַרקער קרענקונג איז דער שרעק אַלץ גרעסער געוואָרן. וואָס פֿאַר אַ קאַוואָנעס עס האָט געהאַט דידאָזיקע עקלהאַפֿטע באַשעפֿעניש, איז פֿאַר מיר אַ סאָד געווען. וואָס פֿאַר פֿאַרלאַנגען האָבן זיך געוועקט אין זיין רויבערישן קאָפּ? האָס מיינט ער דאָ צו טאָן? און עפּשער וועט ער באַלד, געפֿירט פֿון זיין שטאַרקן בלוטדורשטיקן אינסטינקט, אָנשטויסן זיך, ווי ער געפֿינט זיך, וועט דערפֿילן אונטער זיך מיין לעבעדיק לייב?... איין צענטל סעקונדע... און שטערבלעכע גיפֿט־כוואַליעס וועלן דורך מיינע אָדערן צום האַרצן שטראָמען.

פּלוצים האָט דער סקאָרפּיאָן גענומען זיך רירן, זיינע פֿיס האָבן מיין הויט געקראַצט. דער עק האָט זיך נאָך מער אויסגעשטרעקט און פֿאַרשווּנדן אונטערן לייַלעך. דער סקאָרפּיאָן איז אַלץ טיפֿער געקראָכן, מיט אויסערגע־וויינלעכער אָנשטרענגונג האָב איך באַהערשט די נערוון־צוקונגען. איבערן קאָפּ האָבן זיך בלעטער צוויגס און אינגאַנצן פֿאַרדעקט מיר די אויגן. דעם בלויען הימל האָב איך ניט געזען. איך האָב נאָר געפֿילט, ווי דעם סקאָר־פּיאָנס פֿיס קראַצן מיין הויט. די קאַלטע גלאַטע שופּן האָבן זיך געגליטשט איבערן נאַקעטן לייב.

צוגעקראָכן ביזן סוף פֿון מיין בויך און געבליבן שטיין. דער ווייטער־דיקער באַוועגונג האָבן געשטערט די פֿאַלדן פֿון מיין לייַלעך. עטלעכע רגעס איז ער רויִק געשטאַנען, דערנאָך האָט ער זיך פֿאַרקירעוועט צום לינקן זייט און אַראָפּגעלאָזט זיך ביזן רוקן. דאָ איז אַ נייער שטער, דאַן האָט ער גענומען קריכן צוריק איבערן זייט. איך האָב געפֿילט, ווי זיינע פֿיס האָבן אָנגערירט מיין עלנבויגן, וועלכער איז צוגעדריקט געווען צו די ריפּן, און ווייטער גערוקט זיך. דער סקאָרפּיאָן איז צוגעקראָכן ביז צו די האָר אונטער דער פּאַכווע און שטיין געבליבן. באַ אַ מינוט האָט ער זיך געפּאַרקעט דאָרט, דערנאָך באַרויִקט זיך.

ניט שוין־זשע מיינט ער דאָרט צו פֿאַרבלייבן?! — האָב איך פֿאַרצווייפֿלט אַ טראַכט געטאָן. די האָר אַפֿן קאָפּ האָבן זיך מיר אַזש אָפּגעשטעלט. מיט אַ שרעקלעכן ווייטיק האָט מיר אַ קראַמף געטאָן דאָס פּאָנים, און אַן אייז־קאַלטע ציטער־כוואַליע האָט באַהערשט מיין לייב.

אַדורך שוין, קענטיק, אַ שאָ. דער סקאָרפּיאָן האָט ניט געטראַכט אַפּילע
אַרויסצוקריכן. אומבאַוועגלעך איז ער געזעסן דאָרט אונטער דער סאַכוטע.
ווען מע וואָלט צוזאַמענגענומען די יעסורים פֿון אַלע מענטשן — האָט
זיך מיר געדאַכט — וואָלטן זיי קלענער געווען פֿון מיינע. אַ גאַנצע שאָ האָב
איך פֿאַרבראַכט מיטן טויט, וועלכער האָט זיך צוגעטוליעט צום סאַמע האַרצן.
אַ גאַנצע שאָ האָב איך געלעבט מיטן שרעקלעכן געדאַנק, אַז ווער ווייס,
וויפֿל צייט ער קאָן נאָך דאָ פֿאַרבלייבן. ס'איז יוין צייט: עפּשער קלייבט זיך
גאָר דער סקאָרפּיאָן זיינע אייעלעך דאָ צו לייגן?!... און מענטשן!... די
מענטשן האָבן מיר ניט געקענט העלפֿן, אין דעם פֿאַל האָבן זיי געקענט נאָר
פֿאַרגיכערן מיין טויט.

איך האָב געזען, ווי זיי האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבערן סאַד, אינגאַנצן
עטלעכע טריט ווייט פֿון מיר, ווי זיי האָבן צייטנווייז געקוקט אַף מיר,
זיכער, אַז איך שלאָף געשמאַק. איך האָב מוירע געהאַט פֿאַר זיי. איך בין
גרייט געווען צו כאַלעשן באַ דעם איין געדאַנק, אַז זיי קענען נאָך צוגיין
און פֿאַרפֿירן אַ שמועס. דער מינדסטער ציטער פֿון ברוסטקאַסטן בעאייסן
ריידן און — אַ סאָף! איצט האָב איך קוים-קוים געעטעמט. אַזוי ווי אין אַ
לעטאַרגישן שלאָף. זאָל איך אָבער שווייגן, זאָל איך ליגן אומבאַוועגלעך,
מיט אַ פּיינלעכן אויסדרוק אַפֿן פּנים—וועלן זיי מיינען, אז איך בין גע-
שטאָרבן. גענוג, זיי זאָלן דאַן נאָר צורירן זיך צו מיין לייב און ווידער — אַ
סאָף! איך האָב געהערט ווי אַ הונט האָט געבילט, ווי אַן אייזל אַף דער
גאַס האָט געשריען, ווי עס פּלאַפּלען די קינדער, וועלכע האָבן זיך געשפּילט
דאָ ערגעץ ניט ווייט, נאָר צו מיר איז עס אַלץ דערגאַנגען אַזוי ווי פֿון אַן
אַנדער וועלט.

אַפּילע דעם באַראָן האָב איך געזען. אַ פּוּפּציק מעטער ווייט פֿון מיר
איז ער געשטאַנען, דעם קאָפּ געבויגן, און געמיטלעך געמאַלעגיירעט. אָט דאָס
איז די איינציקע באַשעפֿעניש, נאָך וועלכער איך האָב איצט שטאַרק געבענקט
און געכאַלעשט פּאַשעט, זי זאָל צוגיין צו מיר. איך האָב אים געהאַלטן איצט
פֿאַר דער העכסטער באַשעפֿעניש פֿון דער נאַטור, און איך בין גרייט געווען
אַפּילע צו בוקן זיך פֿאַר אים, אַזוי ווי מיינע אורעלטערן האָבן אַמאָל געטאָן.
פֿאַר מיר איז ער איצט געווען דער סימבאָל פֿון מעכטיקייט און גרויסקייט.
דער באַראָן אָבער האָט מיינע יעסורים ניט געפֿילט.

מיט זיין אָפֿטן דערנענטערן און דערווייטערן זיך האָט ער אין מיר
אַט געוועקט די האָפֿנונג. אָט געוואָרפֿן אין פֿאַרצווייפֿלונג, ביז ער איז אינ-
גאַנצן ניט פֿאַרשוונדן.

פּלוצים האָב איך גאָר נאָענט פֿון זיך דערהערט אַ טופּעריי פֿון קליינע
פֿיסלעך. אין האַרצן האָט מיר אַזש פֿאַרקלעמט. אַ קינד איז געלאָפֿן צו מיר.
מיט אַ טויט-שרעק האָב איך אַ בליק געטאָן אין יענער זייט. פֿריילעך
שפּרינגענדיק און פֿאַכנדיק מיט עפּעס אַ צאַצקע, איז גלייך צו מיר געלאָפֿן
דער קליינער אַרטען, דעם באַלעבאָס זון. אַ פֿאַרצווייפֿלטער האָב איך די
אויגן פֿאַרזשמורעט און געמאַכט זיך שלאָפֿן. אַרטען האָט זיך אָפּגעשטעלט

פינף טריט פון מיר, איך האָב דעם אָטעם איינגעהאַלטן. ווי פאַר אַ מאַגיפע האָב איך געציטערט איצט אָט פאַר דעמדאָזיקן ליבן יינגעלע מיט די שוואַרצע אויגעלעך אַפן אָפגעבריענטן פעניטל, איצט אָבער איז ער פאַר מיר אַן עמעסע סטראַשידלע-געווען.

דורך די פאַרזשמורעטע אויגן-לעדעלעך האָב איך געפילט, אַז ער קווענקלט זיך און ווייס ניט וואָס צו טאָן. ער האָט גרויס כיישעק געהאַט עפעס דערציילן מיר און עפשער דורכשפאַצירן זיך מיט מיר, ער האָט דאָך ניט געקענט פועלן בײַ זיך מיך אויפצוּוועקן. עס האָט מיך געוואָרפן אין היץ און אין קעלט, אין די פאַרמאַכטע אויגן האָבן אין העלע זיגזאַגן צושאָטן זיך און געשפּרונגען פייערדיקע פונקען. אַרסען האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, סאַפקאָלסאָף האָט בײַ אים, קענטיק, געזיגט דער געפיל פון פערעכערעך צו מיין „שלאָף", און פאַמעלעך האָט ער גענומען אַוועקגיין. א שטילער דער-שטיקטער פאַרלייכטערונג-זיפץ האָט דורכגעשלייכט דורך מיין קערפער.

איך האָב געעפנט די אויגן, דער טאָג איז אַוועק, און דער אָוונט האָט געניִדערט איבערן סאָד, שטיל-שטיל האָבן געשעפּטשעט די בלעטער, וואַרפנ-דיק אין גראָז לעבעדיקע שאָטנס. אַפן טונקל-בלויען הימל האָבן אויפגעפלאַמט און געציטערט גאָלדענע פינטעלעך.

אומדערוואַרטעט האָט דער סקאָרפּיאָן דאָך אנגעהויבן צו באַוועגן זיך. ראַצנדיק מיט די פיס מיין הויט, האָט ער גענומען ארויסקריכן. באַוועגט האָט ער זיך פאַמעלעך און פאָרזיכטיק. צוערשט האָט זיך באַוויזן פון אונטערן ליילעך איינע, דאַן די צווייטע קלעמצוואַנג. דערנאָך האָט זיך ארויסגערוקט דער קאָפּ, צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער ברוסט. צען שטאַרע אייגן האָבן מיר אין פּאַנים אַרייגעקוקט, צוגעקראָכן צום אַקסל, דאַן פאַרקירעוועט און געלאָזט זיך צום קאָפּ.

וואָלט עס פריער פאַסירט—וואָלט איך ניט אויסגעהאַלטן: אָדער די אויגן וואָלטן אַ פינטל געטאָן, אָדער אַ נערוון-צוק וואָלט פאַרקרימט מיין פּאָנים, און איך וואָלט אומגעקומען. איצט אָבער האָב איך דעם שרעק באַהערשט, איך האָב געפילט, ווי איבער מיין פאַרשטיינערטן פּאָנים, איבער די ליפּן, באַקן, איבער די האַלב-פאַרזשמורעטע אויגן האָט דער סקאָרפּיאָן אויפגעהויבן זיך ביזן שטערן און דאָרט פאַרהאַלטן זיך. פון זיינע קאַוואַנעס דערבײַ—האָב איך ניט געוווּסט. עפעס אָבער האָט ער נאָכגעפאָרשט. דאָס האָט מען ניט-ווילנדיק, געפילט. געהאָפט האָב איך, אַז איצט וועט ער, אויסניצנדיק די פינצטערניש, באַהאַלטן זיך אין גראָז, אָדער, דערזוערנדיק ווען, וועט ער זיך איבערשרעקן און אַנטלויפן. איך האָב אָבער אַ ביטערן טאָעס געהאַט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך דער סקאַרפּיאן אויגעדרייט אַפן שטערן און נ טן זעלבן וועג צוריק אַוועק. ווידער האָבן זיינע פיס געקראַצט די באַק, די האַלדז, אַקסל, ברוסט און צום סאָף, אַיועקגעגעקראָכן אונטערן ליילעך, צום פריערדיקן אָרט.

מיינע נערוון האָבן אָנגעהויבן צו שמאַרצן פאַר שרעקלעכע ווייטיקן. האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן, אַזוי ווי סטרונעס, וועלכע מע האָט צו שטאַרק

אָנבעצוירגן, זאָל טויזנטער מאָל שטערן דער סקאָרפּיאָן — שוין איבער מײַנע קיכעס אזוינע אינויִם לענגער אויסצוהאַלטן. אין צוהיצטן, פֿאַרפּײַניקטן מאַרך האָבן זיך דורכגעטראָגן שיגאָען־כוואַליעס. די פֿינגער און האַנטפֿלאַכן האָבן זיך פּאָשעט געריסן צום דערשטיקן די מיעסקייט.

מיטאָמאָל האָבן זיך פֿון שטוב דערטראָגן צו מיר קלאַנגען פֿון געפּעס באַם גרייטן דעם טיש — ווי מיט אַ מעסער האָבן זיי מיך אַ שניט געטאָן.

אַן אומענטשלעכער שרעק האָט מיך אָנגעכאַפּט און דעם שיגאָען פֿאַרטריבן. די קלאַנגען האָבן מיר נאָך שוידערלעכער אויסגעזען ווי דער סקאָרפּיאָן אַליין. און זיי האָב איך דערפֿילט דעם אומפֿאַרמײַדלעכן טויט.

נאָך די אומגעהערטע יעסורים, וועלכע איך האָב אַריבערגעטראָגן, האָב איך איצט דעם טויט געהאַלטן פֿאַר אַן אומגעלומפּערטע, עקלהאַפֿטע און גרויזאַמע אַוולע. סטייטש? שטאַרבן דאַן, ווען זאָרגזאַמע מענטשן קומען דיך רופֿן צום גרייטן טיש! שטאַרבן דאַן, ווען די נאַכט רוקט זיך שוין אָן, און נאָענט איז דער מאָמענט, ווען דער סקאָרפּיאָן וועט אַוועקגיין פֿון מיר, נאָך איין האַלבע שעה, און אפֿשער ניט מער פֿון עטלעכע מינוט...

און געדוכט האָט זיך מיר, אַז דער סקאָרפּיאָן רירט זיך שוין און ער קלײַבט זיך אין וועג. אָט נאָך עטלעכע רעגעס. און אפֿשער דאָס אויך ניט...

באַלד האָבן זיך דערהערט אַ שטועס און ווידער איז שטיל געוואָרן. גלײַך דערנאָך האָב איך דערפֿילט לײַכטע טריט אין גראָז. מע איז צו מיר צוגעגאַנגען. איך האָב שוין די עמפּפֿינדלעכקייט פֿאַרלאָרן, איך האָב שוין מער ניט אויפֿגערעגט זיך, ניט געקלאָגט זיך. אַ שוואַרצע נעפּל האָט מיר די אויגן פֿאַרמאַכט, אַף די שלייפֿן האָבן די אָדערן געציטערט.

די טריט האָבן זיך דערנעענטערט... אָבער ניט פֿאַרהאַלטן זיך, און מע הערט זיי שוין טיף אין סאָד, דאָס איז דורכגעגאַנגען דער באַלעבאָס מיט זײַן זון. אַ זיפֿץ האָט זיך געשטיקט אין מײַן האַלדז, נאָר שאַ... שוין ווידער טריט, נאָכן גאַנג האָב איך דערקענט דער באַלעבאָסטעס טריט. מיט פֿאַרמאַכטע אויגן האָב איך אויסגעוואַרט, האָפֿנדיק, אַז זי וועט נאָכגיין דעם מאַן. זי איז אָבער צו מיר געגאַנגען. איך בין גרייט געווען אַרויסצופּלאַצן מיט אַ ווילד געשריי אָדער יאָמער. די טריט זײַנען שטיל געוואָרן נעבן מײַנע פֿיס. זי האָט, קענטיק, פֿאַרכידעשט געקוקט אַף מיר און געשוויגן.

אויס מוירע, אַז זי וועט מיר אָננעמען פֿאַר קראַנק אָדער טויט און וועט זיך צורירן צו מיר, האָב איך די אויגן געעפֿנט. אין מײַן בליק איז אַוודאי געווען שרעק און ווילדקייט, אַז אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן זיך ברייט געעפֿנט און נאָך גרעסער געוואָרן. מײַן שוידערלעכע פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיי. שווייגנדיק, איז זי אַוועקגעלאָפֿן צום מאַן. יענער איז צוזאַמען מיטן זון און מיטן באַראָן אַף דער שטריק גראָד צוריקגעגאַנגען. איך האָב דערהערט אַן אָפּגעהאַקט און שטיל דורכשעפּטשען זיך. גלײַך דערנאָך איז זי אַהיים געלאָפֿן און דער אַרמענער האָט, איבערגעבנדיק זײַן זון דעם באַראָן, פֿול מיט אָנגסטן געלאָזט זיך צו מיר.

פֿול מיט איבערנאַטירלעכער פֿאַרצווייפֿלונג האָב איך אויך אים באַגעגנט מיטן ווילדן בליק פֿון מיינע אויגן. מיט אויסגעשטרעקטע הענט האָט זיך דער אַרמענער איינגעבויגן, נאָר גלייך פֿאַרכאַפּט זיך. אַף זיינע ליפּן איז אַ שטומע פֿראַגע פֿאַרגליווערט געוואָרן. ווידער האָט ער געוואָלט איינבויגן זיך צו מיר אין דער רעגע האָט עס זיך אַ ריר געטאָן... און גלייך דערנאָך מיט אַן אויפערגעוויינטלעכער שנעלקייט אַ גליטש געטאָן זיך איבערן קערפּער. איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געשריי, נאָר גלייכצייטיק האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דער סקאָרפּיאָן איז שוין ניטאָ. איך האָב געוואָלט אויפֿשפּרינגען, נאָר ניט געקענט: קיין קויכעס ניט געקלעקט. ווי דורך אַ נעפּל האָב איך געזען די איינגעבויגענע פֿיגור פֿון דעם אַרמענער, נעבן אים איז געשטאַנען דער קליינער אַרסען מיטן באַראַן אַף דער שטריק.

די קאַראַוואַן-קרעטשמע באַם גרויסן שליאַך, וועלכער ציט זיך אַף עס-
לעכע הונדערט קילאָמעטער און פירט צו דער שטאָט דעלי, איז געפּאַקט גע-
ווען מיט מענטשן. דאָ זיינען געווען מענטשן פון קאָלערליי שטאַנדן און באַ-
שעפטיקונגען און פון אַלע עקן אינדיע: סאָכרים, געלט טוישער, באַאַמטע
א.א.וו... אַלע וועגן, וואָס פירן אין דעלי, האָבן זיך געקרייצט בא דעמדאָזיקן
שליאַך, און דערפאַר איז אין דער קאַראַוואַן-קרעטשמע שטענדיק געווען אַ
לעבהאַפטע באַוועגונג.

אין דעמדאָזיקן אָוונט זיינען די וועג-לייט לויטן מיזרעכדיקן מינהעג,
אַף די קאַנאַפּעס געזעסן, די פיס אונטער זיך, טאַבאַק גערויכערט און איינ-
געהערט זיך צו די דערציילונגען וועגן פאַרשיידענע טרעפעניש און פּאַסי-
רונגען, וועלכע יעדער איינער לויט דער ריי פלעגט דערציילן.

איינער אַ יונגער מיליטערמאַן האָט דערציילט וועגן געשלעג און גע-
יעג נאָך מענטשן, און פון זיינע רייד האָט בא די צוהערער די בלוט און די
אָדערן געקילט.

אַן אַלטער זאָקן מיט אַ לאַנגער באָרד, מיט אַ פּאָנים פון פּאַרמעט-קאָ-
ליר און ווי מיט אויסגעלאָשענע אויגן האָט באַשריבן די שוידערלעכע מינ-
האָגים בא די געצנדינער אין די וויסטע היילן, און דערביי האָט ער האַסטיק
זשעסטיקולירט מיט זיינע ביינערדיקע פינגער.

איינער אַ דיקער און רייך-פאַרפוצטער פּערס אין אַ קאַפּעליוש, געראָטן
אין אַ לייקע, האָט דערציילט וועגן גאַזלאָנים, וועלכע האָבן אים פאַרהאַלטן
און געפּייניקט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט ניט אָפּגעגעבן זיין געלט.

אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל פון צימער, אַ שווייגנדיקער איז געזעסן אַן
אַלטער מאַן. קיין איין וואָרט האָט ער ניט אַרויסגערעט, קיין איין באַווע-
גונג האָט ער ניט געמאַכט פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס אַלע איבעריקע
האָבן מיט היספּאַילעס און מיט היץ דערציילט זייערע מאַיסעס.

אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ גרויער סוניקע*) און אין ברייטע, ווײַ-
סע הויזן אַזש ביז די פּיאַטעס, זיין טיורבאַן**) פון געלן זייד האָט קימאַט

*) סוניקע — אַ בעגער, געראָטן אין אַ כאַלאַט.

**) טיורבאַן — אַ היטל בא די מיזרעכדיקע פעלקער, באַשטייט פון אַ קאָלפּאַק אַרומגע-
וויקלט מיט באַוול-שטאָף.

אינגאַנצן פֿאַרדעקט זײַנע גרויע האָר. נעבן דער קאָנאָפּקע, וווּ ער איז געזעסן, זײַנען געשטאַנען שטילז, גאָר נעמײַנע, פֿון בילקסטן סאָרט און שטאַרק אָפּגעניצטע.

נאָך די בגדים און אַלגעמײַנעם אויסזען האָבן די וועג-לײַט ניט געקענט באַשטימען פֿון וועלכן שטאַנד ער איז און מיט וואָס ער באַשעפֿטיקט זיך. נאָר ער אײנער האָט קײן אַנטייל ניט גענומען אין אַלגעמײַנעם שמועס, און ס'איז אויך ניט קלאָר געווען, אַף וויפֿל ער האָט זיך אײַנגעהערט צו אים. אַלעמען האָט שטאַרק געכידעשט זײַן מאָדנע האַלטונג, וועלכע האָט געבראַכן דעם מינהעג פֿון דער קאַראַוואַן-קרעסשטע. דערפֿאַר, אַוואַדע, איז צו אים צוגעגאַנגען אײנער פֿון די אַנוועזנדע און, אײַנבויגנדיק זיך צו אים, האָט ער מיט אַ לײַטזעליקן שמײכעלע געזאָגט:

— מײַן ברודער, אין מעשעך פֿון דער לאַנגער נאַכט האָסטו נאָר אײנער אונדז באַרנישט דערציילט. און דער מינהעג, ווי דיר איז באַוווּסט, פֿאָדערט דאָך, אַז אין שמועס זאָלן אַלע אָנטייל נעמען.

דער מענטש, וועלכן מע האָט די פֿראַגע געשטעלט, האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט פֿון שלאָף זיך אויפֿגעכאַפּט. ער האָט געזען, אַז אַלעמענס בליקן זײַנען צו אים געווענדעט. אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער מיט אַ פֿאַרשטיקטן קאָל געזאָגט:

— איר האָט, מײַנע ברידער, אַ סך געהאַט! כאָטש מײַנע אויגן-לעדעלעך זײַנען פֿאַרזשמורעט געווען, דאָך האָב איך געהערט אַלע אײַערע דערציילונגען. געהערט האָב איך אויפֿמערקזאַם, און ניט גערעט האָב איך נאָר דערפֿאַר, ווײַל צו אײַערע שרעקלעכע מעשׂיות האָב איך שוין ניט וואָס צוצוגעבן.

דײַנע רייד, מײַן ברודער, טרעפֿן אַזוי ווי מיט האָניק... דאָך דערצייל אונדז עפּעס פֿון דײַן אײגענעם לעבן, און איך בין איבערצײַגט, אַז דאָס וועט זײַן דאָס אינטערעסאַנטסטע פֿון אַלץ, וואָס מיר האָבן פֿאַרן גאַנצן אָוונט אויסגעהערט.

אַ לײַכטער שמײכל האָט באַדעקט דעם פּנים פֿון אַלטן מאַן, און פֿון די כניפֿע-רייד האָבן די אויגן בײַ אים אָנגעהויבן צו פֿינקלען. ביסלעכווײַז איז דער שמײכל פֿאַרשוווּנדן פֿון די באַקן, באַדעקטע מיט שראַמען פֿון אַמאָל נאָך.

דעם עמעס זאָגנדיק, ברודער מײַנער, די צײַט דריקט מיך שוין צו מיט איר לאַסט, און אָט די שראַמען, זעסטו, זײַנען אײדעס פֿון די יעסורים, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין לעבן...

אַף אַ רעגע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט פֿאַנאַנדערקלײַבן זיך אין די זיכרוינעס. דאַן האָט ער אַ צײכן געגעבן, אַלע וועג-לײַט זאָלן זיך זעצן נעבן אים.

— יע, יע, איך מאַרדעווע, איך ברענג מיט זיך דעם טויט — אָבער וועמען? — אויסשליסלעך נאָר די ווילדע כאַיעס, די רויבערישע כאַיעס, וועלכע שאַדן דעם מענטשן.

זי וועס שוין, מיין פריינט, קיינמאָל ניט פֿאַרהיילן זיך — האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט...

אַ נערוון-צוק איז דורכגעלאָפֿן זיין פּנים. זיין רעכטע האַנט, אַזוי ווי זי וואָלט זייער געשמאַרצט, האָט זיך אָנמעכטיק אַף דער היפּט אַראָפּגעלאָזט. ס'איז קענטיק געווען, אַז אים איז שווער. אַז ער ליידט שרעקלעכע יעסורים.

— זייט מויכל, מיינע ברידער, מיין מאָמענטאַלע שוואַכקייט. איך פֿיל עס נאָך אַזוי פֿריש, פּונקט ווי ס'וואָלט אַלץ ערשט נעכטן פּאַסירט. כאָטש עס איז שוין אַ מאַיסע פֿון איבער פֿערציק יאָר... איך וויל אָבער מער ניט אויסניצן אייער געדולד. הערט זיך איין.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן גאַנצן קערפּער און פֿאַרבייסנדיק די ציינער, האָט ער מיט ביידע הענט צוגעדריקט דאָ די קני, דאָ די היפּטן. דערנאָך האָט ער, שווייגנדיק, אויסגעגלייכט זיין לינקע פֿיס, וועלכע איז ביז איצט פֿאַרלייגט געווען, און פֿאַרקאַשערט די הויזן.

באַ דער שוואַכער באַלייכטונג האָט מען דאַן באַמערקט אַף דער פֿיס אַ לאַנגן, רויטן שטרייף פֿון דער פּאַכווע ביזן פּיסטריט. דאָס איז געווען אַן עקלהאַפֿטע ווונד, מער פֿון אַ סאַנטימעטער די ברייט און איינגאַנצן אַן אָפֿענע.

איינער פֿון די וועג-לייט איז פֿאַרציטערט געוואָרן פֿאַר שרעק. דאָך האָט ער זיך איינגעבויגן, קעדיי בעסער צו באַקוקן די איפּגעריסענע פֿלייש.

— דאָס איז דאָך ניט קיין שראַם האָט ער מיט שרעק געזאָגט דאָס איז דאָך אַן אָפֿענע ווונד!

— זי וועט שוין, מיין פֿריינט, קיינמאָל ניט פֿאַרהיילן זיך האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט איך האָב זי שוין העכער פֿערציק יאָר און שטאַמען שטאַמט זי פֿון אַ גיפֿטיקן קראַל. צוויי מאָל שוין האָב איך זי, ווי געהעריק, געשווענקט מיט שוועבל און קופּערוואַסער... לאָמיר אָבער ניט פֿאַרלויפֿן דעם וועג.

... אַמאָליקע צייטן האָבן די ווייסע זייער גערן פֿאַרנומען זיך מיט גערעיעג. אָפֿט פֿלעגן זיי קומען אין אונדזערע קאַנטן אַף אַ לענגערער צייט. אונטערנעמענדיק גרויסע און געפֿערלעכע געיעגן, און אַמאָליקע געיעגן זייערע זיינען געווען ניט ווי איצטיקע — נאָר צוליב געלט און פֿעל. דאַן האָבן מיך די ווייסע אָפֿט געשיקט אויסשפּירן אַ טיגער, אַ לעמפּערט אָדער אַ ווילדן כאַזער, וועלכע זיי פֿלעגן שוין דערנאָך אַליין פֿאַרפֿאָלגן, באַרימענדיק זיך מיט זייער דרייסטקייט און געניאַגסקייט. אַ יונג אַ דרייסטער בין איך דאַן געווען. טאָג און נאַכט האָב איך אומגעוואָגלט איבער דער געגנט און פֿלעג מיך אָפּשטעלן באַ אַ דערפֿל, ווו מע האָט פֿאַר מיין קומען געהאַרגעט אַ בופֿלאָקס — אַ נעקייווע, אָדער ווען איך פֿלעג, נאָכגייענדיק די שפּורן פֿון אַ ווילדער כאַיע, טרעפֿן אַ האַלב-אַרומגעגויזשעטע הירשן. אָפֿט פֿלעגט מיר אויסקומען צו נעכטיקן אין די דזשונגלעס — דאַן פֿלעג איך רוען אַף די הויכע צווייגן פֿון די בוימער און שפּייזן זיך מיט בלויזע טייטלען.

און אַזוי האָב איך, טאָג נאָך טאָג, מיין לעבן דאַן פֿאַרבראַכט, אָן אַ שטוב און אָן אַ רינד, אָן אַ ווייב און אָן אַ קינד. דערפֿאַר אָבער טאַראַ

ווונדער איך האָב אָנגעקוקט זיך אין די דזשונגלעס! איך ווייס, צום בײַשפּיל, אַז כאַיעס לעבן און פֿילן אַלץ, אַזוי ווי מענטשן, אַז זיי ריידן צווישן זיך, ווייל זיי האָבן אַן אייגענע שפּראַך און... נאָר איך האָב דאָך גאָר עפּעס אַנדערש געוואָלט אייך דערציילן...

איינמאָל האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט פֿאַרדינען באַ די ווייסע אַסאַך געלט מיטאַמאָל, און איך האָב זיך אונטערגענומען אַרויסצוזיאָגן פֿון זיין באַהעלטעניש אַ טיגער, ווייניקסטנס אַ דריי מעטער די גרויס. קאַיאָר בין איך אַוועק אין די דזשונגלעס. מיין באַוואָפֿנונג איז באַשטאַנען פֿון אַ טאָפּלביקס און אַ זעקעלע מיט פּולווער און קוילן.

ניט ווייט פֿון די דזשונגלעס, האָב איך געטראָפֿן אַ טשערעדע בופֿלאַקסן—זעקס און צוואַנציק נעקייוועס און פֿיר זכאָרים—וועלכע מע האָט געטריבן פֿיטערן זיך. מיטן פּאַסטעך בין איך אַביסל באַקאַנט געווען, ווייל עטלעכע מאָל האָב איך געטראָפֿן זיך און געשמועסט מיט אים אין דער צייט פֿון מיינע וואָגלענישן. בין איך מיט אים אַוועק. געשמועסט האָבן מיר פֿון פֿאַרשיידענע קליינ׳קייטן. פּלוצים האָבן די בופֿלאַקסן אָנגעהויבן צו באַשמעקן דעם ווינטל, וועלכער האָט געבלאָזן פֿון דער דזשונגלעס-זייט, די אויערן אָנגעשפּיצט גרייט שוין צום אַנטלויפֿן. די זכאָרים האָבן געקלאַפּט מיט די טלאָען און אָנגעשטעלט די הערנער, גרייט צום פֿאַרטיידיקן זיך.

דער פּאַסטעך האָט מיך גענומען באַרויִקן: אין דער געגנט, זאָגט ער, איז רויִק, קיין שום געפֿאַר איז דאָ ניטאָ. דערווייל האָט זיך אויך דער ווינט (פֿון דער דזשונגלעס-זייט) איינגעשטילט, און די באַרויִקטע טשערעדע איז זיך ווייטער אַוועק.

איך האָב אויסגעהערט דעם פּאַסטעך שווייגנדיק, קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן מיין כשאַד, קענענדיק גוט די דזשונגלעס. און אפֿשר האָב איך טאַקע אַ טאָעס, איז נאָך וואָס אומזיסט באַאומרויִקן אַ מענטשן. אַזוי זיינען מיר צוגעגאַנגען ביזן ראַנד וואַלד, וועלכער גרענעצט זיך מיט די דזשונגלעס.

— אָט וואָס, ברודערל—האָב איך געזאָגט דעם פּאַסטעך באַם געזעגענען זיך—אַז דו וועסט נאָכאַמאָל זיין מיט דיין טשערעדע נאָענט פֿון די דזשונגלעס און וועסט ווידער באַמערקן, אַז די טשערעדע האַלט זיך אומרויִק, איז וואָס גיכער קלעטער דאָן אַרויף אַפֿן ערשטן בעסטן בוים, איבערלאָזנדיק די טשערעדע אַף איר אייגענעם באַראָט.

נאָך דער אייצע האָב איך זיך צעזעגנט מיט אים און בין מיר ווייטער אַוועק אין מיין וועג. די דזשונגלעס זיינען נאָענט געווען. איך בין געגאַנגען לענגויס דעם טייכל, מיט אַ קיוון אויסמיידנדיק די געדיכטעניש, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז דורך דעם וועג גייען די ווילדע כאַיעס צום טייכל טרינקען און דערפֿאַר קען מען דאָרט לייכט אָנשטויסן זיך אַף זיי. באַם ברעג טייכל וואַקסן אויך הויכע בוימער, אַף וועלכע מע קען זיך ראַטעווען אין פֿאַל פֿון אַ סאַקאָנע.

גייענדיק פּאַמעלעך, האָב איך אויפֿמערקזאַם באַקוקט די ערד, נאָר קיין שום שפּורן האָב איך ניט באַמערקט. אויסהונגערנדיק זיך, האָב איך אַרויס-

גענומען פֿון דער טאָרבע סוכאַריס, אַ ביסל געשטילט דעם הונגער און אַראָפּ־געלאָזט זיך צום וואַסער אָנטרינקען זיך, נאָר דאָ האָט זיך צו מיר דערטראָגן אַ שרעקלעכער פֿאַרשטיקטער קלאַנג. איך האָב אָנגעשטעלט דעם אויער אָנטקעגן ווינט און צוגעהערט זיך, מיינענדיק, אַז עס האָט זיך מיר אָפּגעדוכט, און אַרום איז פֿאָרט רויק, האָב איך ווידער איינגעבויגן זיך צום וואַסער. איך האָב אָבער ניט באַוויזן נאָך צוצורירן זיך מיט די ליפּן, ווי דער טומל האָט זיך איבערגעכאַזערט און דאָסמאָל שוין אַסאַך דייטלעכער.

קעדיי בעסער צו פֿאַרנעמען דעם קלאַנג, האָב איך צוגעטוליעט דעם אויער צום וואַסער און פֿאַרשטאַרקט די אויפֿמערקזאַמקייט. דאָ האָב איך דערהערט אַ קאָסיידערדיקע טופּעריי, וואָס ווייטער אַלץ דייטלעכער און, ענדלעך, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז עמיצער לויפֿט און גלייך אין מיין זייט.

איך בין אויפֿגעשפּרונגען, געכאַפּט מיין ־ביקס, גרייט צו באַגעגענען די סאַקאַנע פּאָנימעלפּאָנים. דער טומל איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן. דאָס איז שוין געווען אַ ווילדער ברילן, אַן אָפּגעהאַקטער און שרעק־וואַרפֿנדיקער, אויסגעמישט פֿון ציים צו ציים מיט אַ יאָמער־מרוקעריי. פּלוצים האָט פֿון די דזשונגלעס, באַ פֿינף הונדערט טריט לינקס פֿון מיר, באַוויזן זיך אַ שוואַרצע מאַסע, וועלכ־ האָט זיך, ווי אַ טונקעלע כמאַרע, אַ וואָרף געטאָן זיך אין טייכל.

איך האָב דערקענט די טשערעדע בופֿלאַקסן.

ווי אַ ווירבלשטורעם זיינען זיי אַריבערגעשוווּמען איבערן וואַסער און, אַרויסשפּרינגענדיק אַפֿן צווייטן ברעג, האָבן זיי אין ווילדן שרעק און מיט הויך פֿאַריסענע ווייִדלען געלאָזט זיך ווייטער לויפֿן.

איך האָב זיי, בעשאַס שווימען, איבערגעציילט: געווען ניין און צוואַנציק: פֿיר זכאָרים און פֿינף און צוואַנציק נעקייוועס, איך האָב דערקענט: דאָס איז דיזעלביקע טשערעדע, וואָס איך האָב אינדערפֿרי געזען. עס האָבן נאָר געפֿעלט איין בופֿלאַקס און דער פּאַסטעך. פֿאַר מיר איז זייער גוירל קלאָר געווען—ערגעצווו אין די דזשונגלעס וואַלגערן זיך זיכער אום די רעשטלעך פֿון זייערע פֿאַרצוקטע קערפּערס.

עס האָט מיר אָפּגעגאָלסן. דער טיגער, וועלכער האָט אַ מענטשן מיט אַ בופֿלאַקס צום עסן און אַ טייכל צום טרינקען, וועט שוין, ווייניקסטנס, אַ וואָך ציים פֿון דעם אָרט ניט אַוועקגיין. דאַרף מען איצט אויסניצן די שפּורן, דעריאָגן די ווייסע און וואָרענען זיי וועגן דעם.

באַקומט זיך אָבער אַ שוועריקייט. אויב איך וועל מיך לאָזן איצט אין די דזשונגלעס, ווו דער טוינע איז, וועט ער מיך זיכער, אַזוי ווי אַ באַראַך צורעכט מאַכן. האָב איך מיר מעיאַשעוו געווען און אַרופֿגעקלעטערט אַפֿן שפּיץ פֿון אַ בוים, קעדיי צו באַקוקן די געגנט. די כאַיע וועט דאָך זיכער גיין טרינקען, וועל איך זי זען.

באַ צוויי שאָ בין איך אומבאַוועגלעך אָפּגעזעסן אַפֿן שפּיץ בוים און אויפֿמערקזאַם געקוקט אַפֿן וואַסער. קיין שום לעבעדיקע באַשעפֿעניש האָט זיך ניט באַוויזן, צומאָל אַ וועוּערקע איז אויך ניט דורכגעלאָפֿן. ענדלעך האָב איך

אַפֿן הימל דערזען אַ ריזיקן צוואָרפֿענעם וואָלקן. ביסלעכווייז איז ער אַלץ גרעסער געוואָרן און באַלד האָב איך דערקענט אַ גאַנצע טשאַטע קאַרשונעס-נעווילע-פֿרעסער. דרייענדיק זיך אין קרייזן, זיינען זיי אַלץ נעענטער צוגעקומען, אָבער, צו מיין גרויס באַוואונדערונג, האָט קיין איינער פֿון זיי ניט אַראָפּגעלאָזט זיך אַף דער ערד.

איבער אַ שאָ האָב איך זיי באַאָבאַכטעט. זיי זיינען געפֿלויגן גאָר נידעריק איבער די דזשונגלעס. פּלוצים האָט דער גרעסטער פֿון זיי מיט אַ הייזעריק געשריי אַראָפּגעלאָזט זיך אין די דזשונגלעס און פֿאַרשוואונדן; גלייך נאָך אים האָבן אַראָפּגענידערט אויך אַלע איבעריקע.

איך האָב ניט געקענט דערקלערן זיך דיזאָזיקע דערשיינונג, אָבער איינס האָט מיר געשיינט זיכער צו זיין: וויבאַלד די קאָרשונעס האָבן ניט מוירע געהאַט אַראָפּצולאָזן זיך אַף דער ערד, הייסט עס, אַז די סאַקאָנע, וועלכע איז נאָך מיט אַ פּאָר מינוט פֿריער יע געווען, איז זי יעצט שוין ניטאָ. אויב אַזוי, האָב איך שוין אויך ניט, וואָס מוירע צו האָבן. אָט וואָס פֿאַר אַן אויספֿיר איך האָב געמאַכט. דאָס איז דער איינציקער פֿעלער, וועלכן איך בין אין לעבן באַגאַנגען. אָבער, ברידער מיינע, ווער מאַכט עס ניט קיין טאָעסן, דערצו האָב איך דאָך געהאַט דערביי צו פֿאַרדינען אַ מאַסטען מיט געלט.

איך האָב זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון בוים און געלאָזט זיך פֿאָרזיכטיק גיין צום געהיימניספֿולן אָרט, אויסמיידנדיק די קוסטעס-געדיכטעניש, פֿונוואַנען דער סוינע האָט לייכט געקענט מיך באַפֿאַלן.

אַלץ שטאַרקער האָבן זיך געלאָזט הערן די הייזעריקע געשרייען און דאָס פֿאָכן מיט די פֿליגלען. דאָס, וואָס די פֿויגל זיינען נאָך אַלץ אַף דער ערד געווען, האָט מיר צוגעגעבן מוט, און מיט דער ביקס אַף דער וואַך בין איך נאָך שנעלער אַוועק. באַלד האָב איך דורך די קוסטעס דערזען אַ וואַלדלאָנקעלע. אין מיטן איר אַף דער ערד איז געלעגן אַ פֿאָרמלאָזע מאַסע, באַדעקט מיט קאָרשונעס, וועלכע האָבן מיט שנאָבל און מוילביינער געריסן פֿון איר שטיקערווייז, אַרויסכאַפּנדיק דעם ביסן איינער באַם צווייטן. אַף די ביימער זיינען געזעסן נאָך קאָרשונעס, די זיינען שוין זאַט געווען, אָדער זיי האָבן אין איילעניש געענדיקט עסן זייער כיילעק.

פּלוצים האָבן זיי איבערגעריסן זייער שוידערלעכע אַרבעט און מיט אַ גרילצנדיקן געשריי האָבן אַ פֿלי געטאָן אינדערלופֿטן. שווי-יס-יס!.. שווי-יס-ס!.. שווי-יס-ס!.. די גאַנצע כמאַרע קאָרשונעס איז מיט שרעק אָפּגעפֿלויגן פֿון בופֿלאַקס, פֿון וועלכן עס איז געבליבן ניט מער, ווי דער נאַקעטער סקעלעט—ביינער און טלאָען. איך האָב אַף דעם אַלעס געקוקט ווי...

דער אַלטער מאַן אין געלן טורבאַן איז פּלוצים שטיל געבליבן. פֿערציק יאָר איז שוין אַוועק פֿון יענער צייט, און ער האָט נאָך איצט מיט זיין גאַנצן וועזן איבערגעלעבט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דאַן געפֿילט. אַן אויפֿגערעגטער האָט ער אָנגעכאַפּט זיך פֿאַר זיין היפּט. די קני האָבן זיך פֿעסט צונויפֿגעדריקט. אַז דער ווייטיק איז אַריבער, האָט ער, מיט אַ ביסער שמייכל אַף די ליפּן, ווידער אָנגעהויבן צו דערציילן.

די כאַיע האט מיך פאַרן היפט אָנגעכאַפּט אין איבער דער ערד געשלעפּט, לייכט
האַלטנדיק מיך צווישן די ציינער, אזוי ווי אַ קאַץ האַלט אַ מויז.

...אַ נאַר בין איך געווען, מיינענדיק, אַז וויבאַלד די קאָרשונעס האָבן בעקענט אַנטלויפֿן פֿון סוינע, וועל איך עס אויך קענען. איך האָב גאָר פֿאַרגעסן, אַז זיי האָבן פֿליגלען. אייביק וועל איך ניט פֿאַרגעסן דאָס, וואָס עס האָט גלייך דערויף פּאַסירט. איך געדענק זייער גוט דעם שרעקלעכן בריל, וואָס איך האָב דערהערט גאָר נאָענט פֿון מיר. אין די אויערן האָט אָנגעהויבן צו קלינגען, און נאָכדעם, ווי איך האָב נאָך געמאַכט אַ צען טריט, האָב איך דעם באַוווסטזיין פֿאַרלאָרן.

אַז איך האָב זיך אָפּגעמינטערט, האָט מיר געדוכט, אַז איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף אָדער פֿון אַ היץ-קרענק. איך האָב געפֿילט אַ ברענענדיקן ווייטיק אין היפֿט, און אין קאָפּ האָט שטאַרק גערוישט. די הענט און די פֿיס האָבן געפֿלאַמט ווי פֿון ציינער צוביסן און פֿון קראַלן צוריסן, און ווידער האָט מיר געדוכט. אַז איך הער ניט אויף צו פֿאַלן—איך פֿאַל פֿון אַ שרעקלעכער הויך, צו דערזעלבער צייט אָבער פֿיל איך אַלץ ניט די ערד.

שפּעטער, אַז איך בין אַביסל צו זיך געקומען, האָב איך געעפֿנט די אויגן, איך האָב דערזען עטוואָס שוידערלעכעס, אומפֿאַרשטענדלעכעס.

מיין פּאָנים איז געווען גאַנץ נאָענט פֿון דער ערד, וועלכע איז אָבער פֿון אונטער מיר אַנטלאָפֿן מיט אַ בליצנער גיכקייט.

איך האָב עטוואָס אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. אַ גאַנצע מאַסע באַוועגלעכע שוואַרצע און געלע שטרייפֿן זיינען אַזוי ווי געלאָפֿן אַף איין טראָט אָפּגערוקט פֿון מיר, און הינטער מיר אינדערלויפֿטן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן אויסגעשטרעקטער ווידל, גלייכצייטיק האָב איך געפֿילט, ווי מיינע הענט און פֿיס פֿאַרטשעפּען זיך אין וואָרצלען און דערנער. עס האָט מיך ווער געשלעפּט, און קויכעס אָפּצוהאַלטן דעם געלאַף האָב איך ניט געהאַט.

און איך האָב שוין אַלץ פֿאַרשטאַנען, מע האָט מיך געטראָגן. איך בין געווען באַם טיגער אין די ציין.

די כאַיע האָט מיך פֿאַרן היפֿט אָנגעכאַפּט און איבער דער ערד געשלעפּט, לייכט האַלטנדיק מיך צווישן די ציינער אַזוי, ווי אַ קאַץ האַלט אַ מויז.

פֿון דעם באַוווסטזיין, ווי שוידערלעך מיין לאַגע איז, האָב איך ווידער געכאַלעשט. אַזוי איז עס, מיינע ברידער, יעדער מענטש, מעג ער זיין ווי דרייסט, קען אויס מענטש ווערן, זייענדיק באַם טיגער אין די ציין, און ער וועט אויך, אַזוי ווי איך, אין כאַלאָשעס פֿאַלן. דער באַוווסטלאָזער צושטאַנד האָט מיך געראַטעוועט, וואָרעם ווען איך שריי אָדער רוף צו הילף, וואָלט עס פֿאַר מיר די גרעסטע ראָע געווען, דער טיגער האָט, מאַשמאָעס, געהאַלטן מיך פֿאַר אַ באַרמינען, און דערפֿאַר האָט ער מיך מער ניט געביסן. ווי לאַנג ער האָט מיך געטראָגן, ווייס איך ניט. ווי דורך אַ נעפּל דערמאָן איך מיר, אַז ער האָט מיך אַ וואָרף געטאָן אַף דער ערד, און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם בין איך געלעגן אומבאַוועגלעך. שטאַרקע שמערצן אין גאַנצן קערפּער האָבן איידעס געזאָגט, אַז איך לעב נאָך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר, אַ קעסיידערדיקער גערויש האָט געמאַטערט מיינע פּויק-הייטלעך. אַ שרעקלעכן אומדערטרעגלעכן ווייטיק האָב איך געפֿילט אין היפֿט און אין דער

פּאַכווע. פֿאַר ווייסיק, האָב איך געמיינט, וועל איך פֿון זינען אַראָפּ. אַך, מיינע ברידער! אַז איך דערמאָן מיר נאָך אָן יענע מינוטן, פֿאַרקלעמען זיך מיר נאָך איצט די מוילביינער אַזוי ווי צוואַנגען...

אינגיכן האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איך ליג אין אַ גרוב, ארומגערינגלט מיט קליינע קוּפּקעלעך זאַמד. קוים איז מיר דאָס קלאָר געוואָרן, האָב איך דערהערט אַ לייכטן כראָפּען און מעכטיקן אָטעמען. קעדיי ענלעך זיין אַף אַ מעס, האָב איך איינגעהאַלטן מיין אייגענעם אָטעם, אויס מוירע, אַז די ברוסט־באַוועגונגען זאָלן ניט צוציען דער כאַיעס אויפמערקזאַמקייט.

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דער טיגער איז נעבן מיר, ווו אָבער? אויסוואַרטנדיק זיצט ער. אַוואַדע, נעבן מיר מיט דער לאַפּע אַף דער וואַך, אַזוי ווי אַ קאַץ איבער דער מויז. צוליב די שרעקלעכע יעסורים האָב איך געמיינט, אַז איך שטאַרב שוין. דערנאָך האָב איך, ווי דורכן שלאָף, אָנגעהויבן צו טראַכטן: פֿאַרוואָס האָט דער טיגער מיך נאָך ניט אויפגעפרעסן? אָן ספֿק איז, אַז פֿון יענעם מאָמענט, זינט ער האָט מיך געכאַפּט, איז שוין אַוועק אַ היפּש ביסל צייט און עפּשער גאַנצע עטלעכע שאָ,—פֿאַרוואָס־זשע האָט די כאַיע געוואַרט ביז איצט און ניט געשטילט איר הונגער און דורשט מיט פֿריש־צאַפּלדיקע בלוט? איך טראַכט און איך קלער,—דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געקענט טאָן בײַ מיין איצטיקן צושטאַנד,—מיין מאַרך אָבער האָט אומזיסט געזוכט אַ טערעץ אַף צו פֿאַרענטפֿערן די געשטעלטע פֿראַגע. דאָס איז גיכער פֿון אַלץ געווען אַ שמערצלעכע שוואַכקייט פֿון אַ מענטשן, וועלכער פּרוּווט נאָך אויס, בײַם טויט שוין, דעם לעצטן מיטל אַף ראַטעווען זיך. אין דער מינוט האָב איך צו הילף גענומען מיין גאַנצע דערפֿאַרונג און געניטקייט אין לעבן פֿון די דזשונגלעס, און ביסלעכווייז בין איך צו אַזאַ אויספֿיר געקומען: דער טיגער האָט זיך איבערגעגעסן מיטן פֿלייש פֿון בופֿלאַקס; איז ער אַוועק צום טייכל אָנטרינקען זיך; צוריקוועגס האָט ער מיך דערזען. מיט איין שפּרונג מיך געפּאַקט און אַוועקגעשלעפּט; ער איז דאָך אָבער, ביז פֿאַרנאַכט אַוואַדע, זאַט, קען ער דערפֿאַר וואַרטן; אַגעוו האַלט ער דאָך מיך פֿאַר אַ מעס.

פּלוצים האָט בײַ מיר אין קאָפּ דורכגעבליצט אַ געדאַנק,—(איך בין גוט באַהאַוונט געווען מיט די געוואָינהייטן פֿון די ווילדע כאַיעס)—און עפּשער איז נאָך פֿאַרט דאָ פֿאַר מיר אַ האָפֿענונג אַף צו ראַטעווען זיך? [illegible]ך האָב זיך איינגעהערט, אָנגעשטרענגענדיק ביז גאָר מיין שאַרף געהער, ווי [illegible] הער איך דאָס כראָפּען, עס האָט זיך געהערט אַ לייכטער גלייכמעסיקער גערויש. איך האָב געציילט מיינע האַרצקלאַפּונגען.

איצט איז מיר קלאָר; דער טיגער איז געשלאָפֿן.

אָבער ווו? איך האָב ניט געטאָרט אויפֿהויבן זיך, ווייל די כאַיעס פֿון די דזשונגלעס האָבן אַ צו וואַכזאַמען שלאָף, און דער מינדסטער שאָרך, פֿון אַ פֿאַלנדיק בלאַט אַפֿילע, איז גענוג אַף אויפֿצוועקן זיי. איז געבליבן איין מיטל—ווייטער איינצוהערן זיך. און באַלד האָב איך באַשטימט, אַז דער גערויש שטאַמט פֿון דער זייט, ווו מיינע פֿיס ליגן. איך בין געלעגן אַף דער לינקער זייט מיט אַרויפֿצו פֿאַרוואָרפֿענע הענט, מיט אונטערגעבויגענע פֿיס,

אין דערזעלביקער פּאָזע, אין וועלכער דער טיגער האָט מיך אָנגעקוקט, האָט מיך אַוועקגעלייגט. איך האָב אַ קוק געטאָן אַף די פֿיס—עס זעט זיך גאָרניט. דאָז האָב איך פּאַמעלעך און פֿאָרזיכטיק עטוואָס אױפֿגעהױבן דעם קאָפּ, אױסשטרעקנדיק דעם האַלדז אַזױ װײניק, אַז טאָמער כאַפּט זיך די כאַיע אוף, זאָל זי אױך האַלטן מיר פֿאַר אַ מעס.

איך האָב געוואָרפֿן אַ האַסטיקן בליק, יאָ, דאָרטן, אָפּגערוקט פֿון מײַנע פֿיס אַף אײן טראָט נאָר איז געשלאָפֿן די געשטרײפֿטע כאַיע, ליגנדיק אַף אײן זײט, אָנשפּאַרנדיק דעם מעכטיקן קאָפּ אַף די פֿאָדערשטע לאַפּעס. אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב באַוויזן צו זען. פֿאָרזעצן די באַאָבאַכטונג האָב איך שטאַרק מוירע געהאַט. איך האָב פֿאַרזשמורעט די אויגן געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך, שטאַר און אָנגעהויבן אַריינצוטראַכטן זיך, אויסניצנדיק די טײַערע מינוטן, וואָס זײַנען מיר נאָך איבערגעבליבן. ווען איך זאָל ריזיקירן אַ שפּרונג טאָן און אַנטלויפֿן, וועט אָבער דער אױפֿגעוואַכטער טיגער מיט אײן שפּרונג מיך ווידער פּאַקן. עמעס, דרײַ טריט ווײַט פֿון מיר האָב איך אַ בוים געזען. איך האָב אָבער ניט באַמערקט קיין אײן צווײַג אַף אים, אָן וועלכער עס זאָל מעגלעך זײַן אָנצוכאַפּן זיך גיך און זיכער. ניין, אַזוי כוויג ניט, מע דאַרף עפּעס אַ גרינטלעכן פּלאַן צוטראַכטן—און וואָס גיכער, אַ שאָד יעדע מינוט.

פֿון אָנשטרענגען דעם האַלדז אין דער אומנאַטירלעכער לאַגע בין איך שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. איך האָב ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. קעדײַ צוזאַמענעמען זיך מיט די געדאַנקען, נאָך אַמאָל אַ בליק געטאָן... וואָס?... וואָס-זע איך אָפּן שטאַם פֿון בוים?—אַף דער הויך פֿון צוויי-דריי מעטער פֿון דער ערד האָט זיך געוויגט אַ פּאַס גרויע שטאָף. וואָס זאָל עס זײַן?... אַ מינוט פֿריער האָב איך עס ניט באַמערקט, איצט אָבער זע איך עס גאַנץ דײַטלעך. וואָס זאָל עס באַדײַטן?...

פּאַמעלעך און אומבאַמערקבאַר האָב איך אָפּגערוקט דעם קאָפּ אַהינצו, וואַרפֿנדיק אַ בליק אינדערהויך, האָב איך שיר ניט אויסגעשריען.

דאָרט אַף אַ הויך פֿון פֿיר מעטער פֿון דער ערד איז אַף אַ צווײַג געשטאַנען אַ מענטש, האַלטנדיק זיך פֿאַר אַ צווייטער צווייג, וועלכע איז אַף אײן מעטער העכער געווען.

דער פּאַס גרויער שטאָף איז געווען זײַן פֿאַנאַנדערגעוויקלטער טיורבאַן, איין עק ווײַנעב האָט ער צוגעפֿעסטיקט צו דער צווייג, וואָס אונטער זײַנע פֿיס, און דעם צווייטן—צו דער העכערער צווייג און אַליין האָט ער מיט ביידע הענט אָן אים אָנגעהאַלטן זיך. איך האָב דערקענט דעם באַקאַנטן פּאַסטעך. ווי אַזוי האָט ער עס אַזוי הויך אַרױפֿגעדראַפּעט זיך? לאמיר ניט פֿאַרלויפֿן פֿאָרויס.

עפּשער פּאָרט ריזיקירן? איין ווילדער שפּרונג, און איך בין געראַטעוועט פֿון טויט! ניין—נאָך צו פֿרי, ליגנדיק וואָלט עס זיך ניט איינגעגעבן.

מײַנע ברידער, שטעלט זיך נאָר גוט פֿאָר מײַן לאַגע, איר ווייסט שוין, אַז איך בין געלעגן אויסגעצויגן אַף דער לינקער זײַט, מײַנע הענט זײַנען אינדערלופֿטן געהאַנגען, און די פֿיס צונויפֿגעקאָרטשעט. פֿונהינטן, אײן טראָט

זויִט פֿון מײַנע פֿיס, איז געשלאָפֿן דער טיגער. אָף דער אַנטקעגנדיקער זייַט, דרײַ טריט ווײַט פֿון מײַן קאָפּ, איז געוואָקסן דער בוים.

ווי פֿלינק איך זאָל ניט אַ שפּרונג טאָן, וועל איך דאָך ניט באַוויזן ביז דער כאַיעס אויפֿכאַפּן זיך צו אַרויפֿצוקלעטערן אָפֿן בוים מער פֿון אַ האַלבן מעטער. און דערווײַל וועט זי זיכער מיך ווידער פּאַקן, נײַן, דאָ פֿאָדערט זיך נאָך אַ ספּריטנערער פּלאַן, עס זאָל דערבײַ שאַ... שטיל זײַן. איך שטעל מיך אָפּ אַף אַלע קלייניקייטן, ווײַל איר קענט ניט די דזשונגלעס.

איך האָב פֿאַרביסן די ציינער. קעדיי איינצוהאַלטן דעם אָטעם, און אָנגעהויבן צו באַוועגן מיט די פֿיס; יעדע ווײַלע האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויס מוירע, כאָטש וועט דער קלאַנג פֿון באַוועגן איבערן זאַמד אויפֿוועקן די כאַיע.

עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַק פֿון די געלענקען, דער כאַיעס שרעקלעכע גלידער האָבן זיך אַ צי געטאָן און אויסגעשטרעקט זיך אָפֿן זאַמד. איך בין געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך און פֿאַרשטאַרט אַזוי ווי אַ קלאָץ. דאָס האָט די כאַיע פֿון שלאָף זיך אַ קער געטאָן. שטיל און פּאַוואָלינקע האָב איך אָנגעהויבן צו באַוועגן מיט מײַנע קני, מײַן לינקע האַנט האָט, דרייענדיק זיך ווי אַ שלאַנג, צוגערוקט זיך צום פּאַנים און. ענדלעך, האָב איך מיט מײַן האַנטפּלאַך אָנגערירט די ערד. נאָך שטאַרקער פֿאַרדריקנדיק די ציין און נאָכמער אויסשטרעקנדיק דעם האַלדז, האָב איך מיט דער הילף פֿון די הענט דעם קאָפּ אויפֿגעהויבן און, ווי נאָר איך האָב אַ שטעל געטאָן די רעכטע פּיאַטע, האָט זיך גלײַך אויפֿגעהויבן מײַן קני צוזאַמען מיט דער היפּס, מײַנע גלידער האָבן זיך אויסגעגלײַכט. איך האָב געאָטעמט שטאַרק, אָבער אָן גערויש און, קימאַט ווי אומבאַוועגלעך, בין איך געשטאַנען אָף ביידע פֿיס, אַליין ניט פֿאַרשטייענדיק גוט, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט. מײַנע שרעקפֿולע אויגן האָבן באַקוקט דעם טיגער, וועלכער איז רויִק געשלאָפֿן. איין טראָט נאָר האָב איך געקענט מאַכן. דערבײַ וואָלט דאָס באַרירן די ערד דורך מײַן פֿוס אַסאַך שווערער און הילכיקער געווען, איידער דאָס פֿאַלן פֿון בלאַט, וואָס איז גענוג אָף אויפֿצוּוועקן די כאַיע. אַ צווייטן טראָט... צי וועט זיך אָבער אײַנגעבן אַ צווייטן טראָט צו מאַכן? און געדאַרפֿט האָב איך גאַנצע דרײַ. דער מעהאַלעך צווישן לעבן און טויט איז אינגאַנצן פֿון דרײַ טריט באַשטאַנען, און באַ די באַדינגונגען וואָלט דאָך דער טויט אַ שוידערלעכער געווען.

הייסט עס, דרײַ טריט נאָר דאַרף מען מאַכן, קעדיי צו ראַטעווען זיך, איידער דער טיגער וועט זיך אויפֿוועקן, דרײַ טריט נאָר, קעדיי אַרויפֿצוקלעטערן אָפֿן בוים מיטן דיאַמעטער באַ אַ מעטער—אָט דאָס איז מײַן איינציניקע האָפֿענונג געווען.

אַלע מײַנע קויכעס האָב איך אָנגעשטרענגט און אַ שפּרונג געטאָן. איינס, צוויי, דרײַ! דערדאָזיקער שפּרונג, אַ מעכטיקער און אַ ווילדער, האָט מיך צוגעשטעלט צום בוים. ווי אַ וואַנזיניקער האָב איך מיך אָנגעכאַפּט אָן דעם ברויען פּאַס לייוונט.

און דער טיגער האט טאַקע אַ שפּרונג געטאָן. איך האָב אונטערגעקאָרטשעט די פֿיס...

— היט זיך, ברודער! — האָט אויסגעשריִען דער פּאַסטעך, הויבנדיק מיך אַרויפֿצו.

פֿאַרבלענדט דורכן זאַמד-רעגן, וועלכער האָט זיך אַ שאָט געטאָן פֿון אונטער מײַנע פֿיס איז דער טיגער אויפֿגעשפּרונגען מיטן אַ ווילדן געבריל. ווילדע בליקן האָט ער געוואָרפֿן אַף אַלע זײַטן, סטאַרנדיק זיך אויסקוקן, וווּ הין איך בין אַנטלאָפֿן, און אָט האָט ער, ענדלעך, דערזען מיך. קלעטערנדיק אַפֿן בוים, האָב איך דערפֿילט אַז די קויכעס גייען מיר אויס. און אַרויפֿקלעטערן האָב איך געדאַרפֿט אַף דער הויך פֿון זיבן, אַכט, אָדער נײַן מעטער.

— היט זיך! די פֿיס בויג אונטער, דער טיגער גרייט זיך צום שפּרינגען! — האָט מיר צוגעשריִען דער פּאַסטעך.

און דער טיגער האָט טאַקע אַ שפּרונג געטאָן. איך האָב אונטערגעקאָרטשעט די פֿיס און מײַנע פּוסזוילן זײַנען געהאַנגען איבער דער ערד אַף צען מעטער הויך. עס האָט זיך דערהערט אַן אומדערטרעגלעכער גרימצאָרנדיקער געבריל. אַ שוואַרצע מאַסע איז פֿאַרבײַ מיר געפֿלויגן. אַ שרעקלעכער תּייסיק האָט אָנגעכאַפּט מײַן גאַנצע רעכטע פֿוס, פֿון דער פּיאַטע ביז דער רעכטער קני.

איך האָב דערהערט, ווי אונטן האָט עפּעס אַ זעץ געטאָן אָן דער ערד. דאָס איז דער טיגער געפֿאַלן. אַן איבערגעשראָקענער האָב איך געקלעטערט אַלץ העכער און העכער, ביז איך האָב זיך ניט אָנגעכאַפּט אָן דער צווײַג — מײַן באַפֿרײַער, אַ נײַער ווילדער בריל האָט אויפֿגעטרייסלט די לופֿט. קלאַמערנדיק זיך אָן דער צווײַג, האָב איך געפֿילט ווי אַ פֿעסטע האַנט האָט מיך אַרומגעכאַפּט. איך האָב זיך געראַטעוועט. כאָטש מײַן לעבן איז אַף אַ האָר געהאַנגען. מײַנע פּיאַטעס האָבן, וויגנדיק זיך אינדערלופֿטן, אָנגערירט דעם טיגערס אָפֿענעם פּיסק. וואָלט איך נאָר איין האָרעלע נידעריקער געווען, וואָלט ער מיך אָנגעכאַפּט מיט זײַנע שרעקלעכע מוילביינער און צוריק אַף דער ערד אַראָפּגעשלעפּט.

— האַלט מיך צו, מיר קערט צום כאַלעשן...

אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך בין אימשטאַנד געווען אַרויסצורייִדן. מיר האָט געדאַכט, אַז אַלץ דרייט זיך, און אין די אויגן איז מיר פֿינצטער געוואָרן. די סיבע פֿון דער שוואַכקייט איז געלעגן ניט אין די אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען און ניט אין אומבאַשרײַבלעכן שרעק, נאָר אין בלוט, וואָס האָט פּאָשעט געשטראָמט פֿון דער אָפֿענער וווּנד. דעם טיגערס קראַלן האָבן איבער דער גאַנצער לענג פֿון פֿוס איבערגעלאָזט אַ טיפֿן און ברייטן. בלוטיקן שפּור, קעדיי איך זאָל אינגאַנצן ניט אָפּגיין מיט בלוט, האָט דער פּאַסטעך פֿאַרבאַנדאַזשירט מיר די וווּנד מיטן שטאָף פֿון טיורבאַן, דערנאָך האָט ער מיר פֿעסט צוגעבונדן צו דער צווײַג, אַף וועלכער ער אַליין איז געזעסן.

און דער טיגער? וואָס האָט ער געטאָן? פֿאַר קאַעס איז ער פּאָשעט משוגע געוואָרן און אָנגעהויבן מיט די קראַלן צו רײַסן די ערד, דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט אַף די הינטערשטע לאַפּעס און ברילנדיק, געפּרוּווט

נאָכאַמאָל אַ שפּרונג סאָן. ענדלעך איז ער, אַ צעווילדעוועטער, געבליבן שטיין אונטערן בוים און גענומען לעקן די לויזשע בלוט. אָפּלעקנדיק, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ אינדערהויך. אוז זיינע בלוטדורשטיקע אויגן האָבן נאָך מער געבעטן. צי קענט איר די דאָזיקע מענטשנפרעסער? פאַרזוכן זיי נאָר איינמאָל מענטשנבלוט, לויערן זיי שוין כאַדאָשימווייז אויף איינע און דיזעלבע דאָרף איצט וועט איר שוין פאַרשטיין, ווי קאַלעמוטנע איז אונדז געווען, ווען מיר ביידע פאַרכאַלעשטע פון הונגער און דורשט, האבן געקוקט אויף דער ווילדער כאַיע וואָס שטייט אונטן.

— האַלט זיך מוטיק, מיין ברודער! — האָט צו מיר געזאָגט דער פּאַסטעך, כאָטש איך האָב זיינע ווערטער שוין קאַם געהערט, ווייל איך בין נאָענט געווען צום כאַלעשן, — מע גייט שוין אונדז ראַטעווען. זיי מוזן שוין נאָענט זיין.

ווער, וווּ, ווי? — האָב איך געבורמלט, — ווער קען עס וויסן וועגן דעם, אַז מיר געפינען זיך אין אַזאַ סאַקאָנע?

— ווער? די בופלאקסן. זיי זיינען שוין לאנג אריינגעלאָפן אין דאָרף און אלעמען אויף די פיס געשטעלט. דאָרט וועט מען גלייך באַמערקן, אַז איך און אַ בופלאַקס פעלן. וועלן זיי נאָך די שפּורן גיין אונדז אויפזוכן.

דאָס איז אַ האָפענונג געווען, אָבער אַ צו שוואַכע. פונדאַנען ביז דער דאָרף איז צוועלף קילאָמעטער געווען. מיר האָבן געוואַרט, דער טיגער אָבער האָט אויך געוואַרט. אַוועק איז אַ שאָ, די זון האָט שוין אָנגעהויבן צו זעצן זיך. ביז נאַכט איז געבליבן אַז פיל איז איין שאָ. איין שאָ... און דערנאָך פינצטערניש, הונגער טויט...

פלוצים האָט דער פּאַסטעך צוגעריכט זיך צו מיין האַנט.

דו הערסט? — האָט ער געזאָגט, אָנשטעלנדיק דעם אויער. איך האָב זיך אויך צוגעהערט. דער ווינט האָט געראַשט צווישן די בלעטער. דער טיגער האָט, ווילד ברילנדיק, געטעטעט אונטער אונדז. מיטאַמאָל האָט אונדזער אויער פאַרנומען עפּעס ווי אַ וויטן טומל. אַזוי ווי ווייט ערגעץ וואָלט געדונערט. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן הימל. ער איז בלוי געווען און אָן איין וואָלקנדל.

— ניין, דאָס קומט ניט פון ויבן, — האָט דער פּאַסטעך געזאָגט, — איך מיין, אַז דאָס קומט פונדאָרטן.

און ער האָט מיט ן קאָפּ אָנגעוויזן אויף דער זייט פון דאָרף. אויך איך האָב אַ קוק געטאָן אין יענער זייט, אָבער קיין זאך איז ניט געווען צו באַמערקן. ביסלעכווייז איז אָבער דער טומל אַלץ גרעסער און דייטלעכער געוואָרן.

אַוועק אַ צען, צוואַנציק מינוט. פלוצים האָט זיך בא אונדז ביידן אַרויסגעריסן אַ פרײדיק געשריי. מיר האָבן דערזען אַ הונדערט באַוואָפנטע מענטשן און פאַר זיי איז געגאַנגען אַ טשערעדע בופלאַקסן מיט מעכטיקע הערנער. די מענטשן האָבן געזונגען קאַמף לידער, און די באַלעכאַים האָבן העפטיק געקלאַפּט מיט די טלאָען אָן דער ערד און די נאָזלעכער האָבן זיי ברייט צעבלאָזן, פילנדיק פאַר זיך די ווילדע כאַיע.

— צי האָט איר געזען אַמאָל אַ טשערעדע בופֿלאָקסן, ווען זיי גיבן זיך האַסטיק אַ לאָז פֿאָרויס? נײַן?.. דער טיגער האָט אף זיי ניט געוואַרט. ער האָט זיך אויסגעגליכט, אָנגעהויבן אָפּט אַרײַנצואָטעמען די לופֿט און דער-שמעקנדיק די בופֿלאָקסן, איז ער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ווײַדל, ווי אַ באַשטראָפֿטער הונט, פֿאַרשוווּנדן אין די דזשונגלעס.

— אַזוי, מײַנע ברידער, — האָט געענדיקט דער אַלטער אינדוס, קוקנדיק אַף אַלע אָנוועזנדיקע, — איך האָב אַסאַך יאָרן געלעבט אין די דזשונגלעס, אַסאַך כאַווײרים באַ פֿאַרשיידענע טרעפֿעניש האָב איך געהאַט, וועלכע זײַנען אויך באַפֿאַלן געוואָרן פֿון ווילדע כאַיעס. אָבער, געדענקט עס, קיינמאָל אין לעבן האָב איך נאָך ניט געקענט אַזאַ מענטשן, וועלכער איז אַליין געווען באַם טי-גער אין די ציין און ער אַליין זאָל, אַריבערקומענדיק עס בעשאָלעם, פּער-זענלעך דערציילן דאָס, וואָס איך האָב אײַך ערשט דערציילט.



אינהאַלט

	זייט
ניין יאָר אונטער דער ערד	5
אין געפֿאַנגענשאַפֿט בײַ די וועלף—נאָך דזשאָן סעקי	26
אונטער סקאָרפּיאָנס שטעכל—נאָך ס. סעמיאָנאָוו	39
בײַם פֿײַער אין די צײַן—נאָך סאַראַט קומאַר געראָש	50

פרייז 45 קאָפּ.